# דער
# פרשה קוואל

צוזאמען גענומען
פון די שמועסן פון

מורינו הגה"צ
**ר' אברהם אלימלך**
**בידרמן** שליט"א

פסח

מכון
באר האמונה

בס"ד

# דער פרשה קוואל

פאר קאמענטארן און הערות:
mail@derparshakval.com
718.484.8136

פאר גרעסערע באשטעלונגען (USA):
Wholesale@BeerEmunah.com

באקומט די גליונות וועכנטליך אין אייער אימעיל בחינם

## זיך איינצושרייבן

לשה"ק
**באר הפרשה**
subscribe+subscribe@beerhaparsha.com

אידיש
**דער פרשה קוואל**
yiddish+subscribe@derparshakval.com

אנגליש
**Torah Wellsprings**
Torah+subscribe@torahwellsprings.com

היספאניש
**Manantiales de la Torá**
info+subscribe@manantialesdelatora.com

פראנצויזיש
**Au Puits de La Paracha**
info+subscribe@aupuitsdelaparacha.com

איטאליעניש
**Le Sorgenti della Torah**
info+subscribe@lesorgentidellatorah.com

רוסיש
**Колодец Торы**
info+subscribe@kolodetztory.com

**ארה"ב:** Mechon Beer Emunah
1660 45th St, Brooklyn NY 11204
718.484.8136

**בארה"ק:**
מכון באר האמונה
רח' דובב מישרים 4/2
עיה"ק ירושלים תובב"א
025 688 040

מכון
באר האמונה

**יו"ל ע"י מכון באר אמונה**
2023 © כל הזכויות שמורות להמכון

עס איז נישט ערלויבט איבערצודריקן אויף קיין שום צורה ואופן, אויף צו פארקויפן אדער פארשפרייטן פאר אייגינע אינטערעסן אן שריפטליכע ערלויבעניש פון די מכון

# אינהאלט

## צו - שבת הגדול


אש תמיד תוקד - שטענדיג קאָכן און פלאַמען מיט אַ פלאַם פייער.......................................ב

והיא שעמדה לאבותינו - נאָר אין זכות פון גדרים און סייגים...............................................ג

כמה שנאמר - יעדע זאַך וואָס פאַסירט איז וויאזוי מ'האָט געזאָגט אין הימל..............................ד

שבת הגדול - דער שבת איז איז אַ הקדמה פאַר די גאולה........................................................י


## פסח


שואלין ודורשין - זיך גרייטן צום יום טוב מיט אַ הכנה דרבה .................................................יב

מצות יאכל - זיכער מאַכן אַז אַנדערע האָבן מצות אויף יו"ט ...................................................טז

על ביעור חמץ - מבער זיין דעם שאור שבעיסה..................................................................יז

ליל התקדש החג - יעדער איד איז בכח אין די נאַכט צו ווערן אַ אַנדערער מענטש ...................כ

ליל שימורים לדורותם - שוין משנים קדמוניות איז דער נאַכט אַ זמן פון ניסים..........................כב

ונצעק אל ה' - דער גרויסער 'עת רצון' צו פועלן יעדע סארט ישועה .......................................כה

ולקחתי אתכם - דער בוכ"ע קומט אַראָפּ מיט די גאַנצע פמליא של מעלה אין יעדע שטוב .........לא

כבני חורין - זיצן ביים סדר פרייליך און אויפגעלייגט.............................................................לג

והגדת לבנך - איבערגעבן אמונה אין די קומענדיגע דורות.........................................................לה

הבן שואל - בעטן פון טאַטע'ן אין הימל אַלע בקשות ..............................................................לח

תאכלו מצות - די מצה טוט אונז אויסהיילען ברחניות ובגשמיות.............................................מ

על מצות ומרורים יאכלוהו - דער זיסער טעם פונעם מרור .........................................................מד


## שביעי של פסח


ויאמינו בה' - דער טאָג איז מסוגל אויף אמונה.................................................................. מח

ויושע ה' ביום ההוא - אין דעם טאָג קען מען אַלעס בעטן פונעם אויבערשטן ........................... מט

ביום השביעי מקרא קודש - די קדושה און הייליגקייט פון דעם טאָג ........................................ נא



סדר ועימוד: א.י.ש. אשדוד

shwrtz@bezeqint.net

# צו - שבת הגדול

**אש תמיד תוקד - שטענדיג קאָכן און פלאַמען מיט אַ פלאַם פייער**

**והרים** את הדשן אשר תאכל האש את העולה על המזבח ושמו אצל המזבח' (ו, ג).

**זאָגט** דער איזשביצער זי"ע (געברענגט אין ספר 'בית יעקב' פ' צו, אות טו) אַז ס'מאַכט זיך אַסאַך מאָל, אַז איינער איז נכשל געוואָרן מיט אַן עבירה ח"ו, און עס דאַכט זיך איהם אַז ער איז דערוייטערט געוואָרן פונעם אויבערשטען ברוך הוא און ער שעמט זיך תשובה צו טוהן און זיך אומקערן צום באַשעפער ברוך הוא.

**צוליב** דעם איז געזאָגט געוואָרן די מצוה פון 'תרומת הדשן', וואָס כאָטש אויבנאויף פאַר'ן מענטשליכן אויג, זעהט אויס אַז דאָס איבערגעבליבענע אַש האָט נישט קיין תועלת, ווייל עס איז דאָך דערווייטערט געוואָרן און איז נישט איינגעשלאָסן געוואָרן אין דעם הימלישן פייער פונעם קרבן, האָט די תורה באַפוילן 'ושמו אצל המזבח', און עס איז איינגעשלינגען געוואָרן דאָרט אויפ'ן אָרט.

**דאָס** איז אַ לימוד פאַר אונז אַלע, ווען צומאָל לויפט דורך אַ מחשבה'לע און ס'דאַכט זיך אַז כ'האָב נישט קיין שום באַזונדערע נוצן ח"ו, אָבער דער אויבערשטער וויל דאָך 'לבלתי יודח ממנו נידח', אַז קיין שום איד זאָל נישט פאַרשטויסן ווערן פון איהם חלילה, און אויב מ'טוט זיך שטאַרקן אין עבודת השם[א], דאַן טוט מען שטיין פאַר דעם אויבערשטען: 'ושמו אצל המזבח'.

---

**א.** דער פשעוואָרסקער רבי הרה"ק רבי יאַנקעלע זי"ע האָט געזאָגט, אַז ער האָט געהערט פון זיין שווער, הרה"ק רבי איציקל פשעוואָרסקער זי"ע, אַז הרה"ק רבי יוסף זאב האַלבערשטאַם זצ"ל פון קשאַנוב (אַ זון פון קשאַנובער רב הרה"ק רבי דוד'ל זי"ע), איז אַמאָל געוועזן אין צאַנז ביי זיין זיידן דעם הייליגן 'דברי חיים' זי"ע, און שטייענדיג אין דרויסנדיגן צימער האָט ער נאָכגעזאָגט פאַר עמיצן אַ דבר תורה וואָס ער האָט געהערט פון זיין שווער (הרה"ק רבי מענדעלע גלאָגובער זי"ע, אַ זון פון הרה"ק רבי ר' אשר'ל פון ראָפשיץ זי"ע). בשעת מעשה, איז דער צאַנזער רב זי"ע אַרויסגעקומען פון זיין צימער, און ער האָט צוגערופן רבי יאָסעלע'ן און איהם געפרעגט וואָס ער זאָגט, האָט ער געענטפערט אַז ער זאָגט נאָך אַ וואָרט וואָס ער האָט געהערט פון זיין שווער, האָט דער צאַנזער רב געזאָגט:

- האָרך (הער) וואָס איז תורה. 'אש' - אַ פייער. 'תמיד' - שטענדיג. 'תוקד' -זאָל פלאַקערן. 'על המזבח' - אויפ'ן האַרץ. 'לא תכבה' - ס'זאָל נישט פאַרלאָשן ווערן, און אַפילו ווען מ'גייט אַוועק חלילה פון אַ האַרבע עבירה, עכלה"ק. (ספר 'אמרי יעקב', וספר י"ג אורות)

לויט דעם, האָט הרה"ק רבי יאַנקעלע זי"ע געטייטשט וואָס עס שטייט אין ספה"ק 'עבודת ישראל' (פ' משפטים, ד"ה 'וכי') אין נאָמען פון סידור האריז"ל, אַז דער הייליגער רמ"ק (רבי משה קורדוברו) זי"ע האָט מקבל געווען פון אליהו זכור לטוב, אַ סגולה מבטל צו זיין מחשבות זרות, אַז מ'זאָל זאָגן דעם פסוק 'אש תמיד תוקד על המזבח לא תכבה'. דאָס איז נישט בלויז סתם אַ 'סגולה', נאָר עס איז נכלל דערין אַ וועג צו קענען באַזיגן דעם יצר, ווייל דער הייליגער פלאַם וואָס ברענט אין זיין האַרץ, פאַרברענט אַלעס שלעכטס.

על דרך משל, אַ קעניג האָט געוואלט בויען פאַר זיך אַ קייסערליכן פאַלאַץ מיט גרויס פראַכט און גלאַנץ, אינמיטן אַ געדיכטן וואַלד. האָט ער געדינגען אַרבעטער אָפּצושניידן די ביימער פון וואַלד. איז דאָרט געשטאַנען אַ קלוגער מענטש, און ווען ער האָט געזעהן ווי די אַרבעטער האָרעווען שווער אָפּצושניידן די ביימער, איז ער אַריבערגעגאַנגען צום קעניג, און האָט איהם געזאָגט:

- אדוני המלך, אויך אויב דיינע קנעכט וועלן שניידן די ביימער פון וואַלד טאָג און נאַכט, וועט עס געדוירן אַ יאָר מיט אַ מיטוואָך. מיין עצה איז דעריבער, דו זאָלסט אָנצינדן אַ פייער אינעם וואַלד, און אַזוי וועט דער וואַלד פאַרברענט ווערן ביז עטליכע שטונדן, און אויף דעם ליידיגן אָרט וועסטו קענען אויפבויען דיין פאַלאַץ.

דער נמשל איז, ווען עס קומט צו עבודת השם, אויב דער מענטש וועט אַרבעטן צו פאַרעכטן איין מידה און אַ צווייטע מידה, קען זיין אַז מיט דער צייט וועט ער קיינמאָל נישט אָניאָגן וואָס ער דאַרף אָניאָגן. איז די עצה, ער זאָל אויפפלאַקערן אין האַרץ א פלאם פייער, א פייער פון תורה און עבודת השם, און ממילא וועלן אַלע זיינע נאַרישקייטן, ברוחניות ובגשמיות, פאַרברענט ווערן...

**מורא'דיגע** ווערטער, זאָגט דער 'מי השילוח', אויפ'ן פסוק אין דער היינטיגער פרשה (ו, יח) 'זאת תורת החטאת במקום אשר תשחט העולה תשחט החטאת'. 'חטאת' איז שייך פאַר מענטשן וואָס האָבן געזינדיגט, זיי ברענגען אַ קרבן חטאת מכפר צו זיין אויף די עבירה. 'עולה' איז מרמז אויף איינעם וואָס האָט נישט געזינדיגט (ווייל מ'ברענגט דאָך נישט אַ קרבן עולה אויף אַן עבירה). זאָגט דער פסוק: 'במקום אשר תשחט העולה' - דאָס הייסט, אויף דעם זעלבן אָרט וואו עס געפינט זיך איינער וואָס האָט קיינמאָל נישט געזינדיגט, 'תשחט החטאת' - זאָל מען שטעלן אויך דעם וואָס האָט יאָ געזינדיגט און ער האָט תשובה געטוהן, ווייל ער קומט אָן צום זעלבן אָרט וואו עס געפינט זיך דער צדיק וואָס האָט קיינמאָל נישט געזינדיגט!

**נאָך** מער: דאָס בלוט פונעם קרבן עולה האָט מען געשפריצט אונטער דעם 'חוט הסיקרא', אָבער דאָס בלוט פון אַ קרבן חטאת, איז געשפריצט געוואָרן העכער פונעם 'חוט הסיקרא', ווייל די בעל תשובה איז העכער און גרעסער ווי די צדיק גמור, ווי מיר אַלע קענען דעם מאמר הזוהר הקדוש (ח"א קכט:) במקום שבעלי תשובה עומדים אין צדיקים יכולין לעמוד. זיי האָבן אַ גרעסערן רצון און כוח זיך צו דערנענטערן צום קעניג.

**והיא שעמדה לאבותינו - נאָר אין זכות פון גדרים און סייגים**

**אין** כלל פון די הרחקות וואָס מ'דאַרף מאַכן פון יעדן סאָרט 'חמץ' אין די טעג פון פסח, איז אַוודאי אויך דער ענין פון מאַכן גדרים און סייגים אין די קדושה, כדי זיך צו דערווייטערן פון אַן עבירה. פונקט ווי חז"ל האָבן מחמיר געווען ביי 'חמץ', אויך ביי זאַכן וואָס זענען נישט ממש אסור מצד הדין, נאָר צוליב די חומרא פון חמץ, און מ'דאַרף אַפילו אויפשטעלן אַ 'מחיצה' צו די מחיצה פונעם גוי'שן שכן, אַזוי דאַרף מען אויפשטעלן 'אייזערנע מחיצות' צווישן זיך און די עבירה.

**'והיא** שעמדה לאבותינו ולנו'[ב]. אָט דאָס איז אונז ביישטאַנען. אין זכות פון דעם וואָס די אידן

אַמאָליגע חסידים פלעגן זאָגן אַ משל, יעדע משקה וואָס אַנטהאַלט אין זיך אַלקאָהאָל, ווערט נישט פאַרפרוירן אַפילו אין דעם שטאַרקסטן 'פריזער', ווייל כאָטש עס בלאָזן טאַקע אינעם פריזער ווינטן פון קעלט און אייז, אָבער דער 'פייער' וואָס געפינט זיך אינעם אַלקאָהאָל, דערלאָזט נישט אַז דער קאַלטער ווינט זאָל זיך שטאַרקן אויף איהם. דער זעלבע איז, ווען דער מענטש צינדט אָן אין זיך אַ 'הייליגן פייער' פאַר יעדן דבר שבקדושה, קענען אויף איהם נישט געוועלטיגן פרעמדע ווינטן, אַפילו אינעם קאַלטסטן אָרט אויף דער וועלט... (באַזונדער דאַרף מען זיך היטן נישט זיך צו דרייען אין אַ סביבה וואו עס הערשט חלילה אַ 'קאַלטקייט' צו עבודת השם...)

**ב.** דער אַמשינאָווער רבי, הרה"ק רבי שמעון שלום זי"ע, האָט אַמאָל חול המועד פסח באַזוכט דעם בעלזער רב הרה"ק מהרי"ד זי"ע. אינעם שמועס, האָט הרה"ק רבי שמעון'לע אַמשינאָווער נאָכגעזאָגט פאַר'ן בעלזער רב, אַ וואָרט פון זיין זיידן, הרה"ק רבי יצחק'ל וואָרקער זי"ע, אויף די ווערטער פון די הגדה של פסח, 'והיא שעמדה לאבותינו ולנו', וואָס מ'פירט זיך דעמאָלס צוצודעקן די מצות און מ'הייבט אויף דעם כוס, און מ'זאָגט 'והיא שעמדה'. האָט דער וואָרקער רבי געזאָגט, פסח ביינאַכט, איז מען דאָך מחויב מדאורייתא, מן התורה, צו עסן מצה, אָבער צו טרינקען די פיר כוסות, איז נאָר אַ מצוה מדרבנן, וואָס די חכמים זכרונם לברכה האָבן מתקן געווען. ווייזן מיר דערמיט וואָס מיר הייבן אויף דעם כוס, וואָס איז נאָר מדרבנן, און מ'טוט 'אָוועקנעמען' די מצות וואָס זענען מן התורה, און מ'זאָגט 'והיא שעמדה לאבותינו ולנו', כדי צו ווייזן נאָר דער זכות וואָס מ'האָט מקיים געווען די תקנות פון חז"ל, איז ביייגעשטאַנען פאַר אונזערע עלטערן און פאַר אונז, זיך אָנצוהאַלטן אין דרך התורה. די גדרים און סייגים זענען די וואָס 'היטן' אונז אַז מיר זאָלן קענען מקיים זיין די מצוות פונעם באַשעפער.

ווען דער בעלזער רב הרה"ק מהרי"ד זי"ע האָט געהערט די ווערטער פונעם וואָרקער רבי'ן וואָס דער אַמשינאָווער רבי האָט נאָכגעזאָגט, איז ער געוואָרן פול מיט התלהבות דקדושה, און ער האָט צוגערופן זיין זון, דעם בילגורייער רב הרה"ק רבי מרדכי זי"ע, צו פאַרשרייבן דאָס וואָרט עס זאָל בלייבן לזכרון, צוגעבנדיג, אַז אַזאַ וואָרט, מעג מען אויפשרייבן אַפילו חול המועד, ווייל עס איז אין גדר פון אַ 'דבר האבד'...

כ"ק אדמו"ר מסקווירא שליט"א האָט צוגעשטעלט צו דעם אַ וואונדערליכן ענין, וואָס מ'זאָגט נאָך אין נאָמען פון דעם גאון בעל 'חתם סופר' זי"ע, אַ טעם פאַרוואָס אין בערלין האָט די פאַרשאָלטענע 'השכלה' ליידער געהאַט

האָבן זיך אָפּגעשיידט פון די מצריים מיט פאַרשידענע 'חומרות', גדרים און סייגים, זענען זיי אויסגעלייזט געוואָרן פון מצרים.

**דער** 'פלא יועץ' ('אלף המגן' פ' בשלח, על הגש"פ) זאָגט אַ מורא'דיגע הסבר אין די שאלה פון דעם 'רשע' אין די הגדה, וואָס ער פרעגט 'מה העודה הזאת לכם'. זאָגט דער 'אלף המגן', דער רשע פרעגט, ס'איז גענוג וואָס די תורה האָט גע'אסר'ט, פאַרוואָס דאַרפט 'איר' אַליין צולייגן הוספות און חומרות וואָס די תורה האָט נישט געשריבן? - מה העבודה הזאת "לכם"? יעדן טאָג קומט איר אַרויס מיט אַ 'נייע תורה', און איר טוט כסדר מוסיף זיין גדרים און סייגים אויף דעם וואָס די תורה האָט אייך געזאָגט. אויף דעם ענטפערט מען איהם: 'לכם ולא לו, ולפי שהוציא את עצמו מן הכלל, כפר בעיקר', ווייל אויב ער היט נישט די גדרים, וועט ער צום סוף לייקענען אויך אין דעם 'עיקר' - אין די מצוות וואָס שטייען יאָ בפירוש אַרויסגעשריבן אין דער תורה.

**און** פאַר דעם דאַרף מען איהם אויסהאַקן די ציין און איהם זאָגן אַז אויב ער וואָלט געווען אין מצרים, וואָלט ער נישט אויסגעלייזט געוואָרן פון דאָרט, ווייל באמת האָט דאָך די מדת הדין מקטרג געווען אויף אידישע קינדער אין מצרים, 'הללו עובדי עבודה זרה, והללו עובדי עבודה זרה'. נאָר וואָס דען, דער אויבערשטער איז נושא פנים פאַר די אידן, ווייל זיי זענען מחמיר אויף זיך מער ווי די תורה האָט געהייסן (ברכות כ: 'והן מדקדקין על עצמן עד כזית ועד כביצה', כאָטש זיי זענען מצווה געוואָרן צו בענטשן ברכת המזון נאָר אויב זיי עסן צו דער זעט). ממילא, זענען מיר דאָך אויסגעלייזט געוואָרן נאָר אין זכות פון די חומרות און הוספות אויף די ווערטער פון דער תורה, און דעריבער וואָלט, דער 'רשע' - וואָס ער וויל נישט האַלטן די חומרות, נישט אויסגעלייזט געוואָרן פון מצרים אויב ער וואָלט דעמאָלס דאָרט געווען.

**צדיקים** האָבן געזאָגט אַ טעם פאַרוואָס מ'פירט זיך אַריינצולייגן אַן איי אין די 'קערה' ביי סדר, פסח ביינאַכט. דאָס הינדל גיט נישט אַרויס פון זיך דאָס היי, נאָר נאָך דעם ווי דאָס איי האָט שוין אַ שאָלעכץ. אַזוי לאַנג ווי עס האָט נישט אַ שאָלעכץ, וועט דאָס איי זיין באַהאַפטן און פאַרוויקלט אין דעם הינדל. אַזוי האָט דער אויבערשטער אַרויסגענומען די אידן פון מצרים, 'גוי מקרב גוי', כאָטש זיי זענען געווען 'בקרב גוי' - צווישן די מצריים, אָבער ס'איז געווען אַ 'שאָלעכץ' וואָס האָט אָפּגעטיילט צווישן די אידן און די גוים, ווייל די אידן זענען דאָרט געווען 'מצויינים' (ווי מיר זאָגן אין די הגדה, 'מלמד שהיו ישראל מצוינים שם'). זיי האָבן נישט פאַרענדערט זייערע נעמען, זייער שפּראַך און זייער קליידונג, און זיי האָבן געהיטן די גדרים צווישן זיך און די מצריים. וועגן דעם לייגט מען אַריין אַן איי אין די 'קערה', צו לאָזן וויסן אַז דער מענטש וואָס וויל 'אויסגעלייזט ווערן' פון יעדער צרה, דאַרף זיך אַרומרינגלען מיט מחיצות כדי צו זיין אַנדערש ווי די גוים, און נאָר אַזוי וועט ער זיין ראוי צו די גאולה.

#### כמה שנאמר - יעדע זאַך וואָס פּאַסירט איז וויאַזוי מ'האָט געזאָגט אין הימל

**ביי** די מצוה פון קרבן פסח געפינען מיר 3 באַזונדערע מצוות. 1) 'שה תמים זכר בן שנה יהיה לכם', אַז ווען דאָס לעמעלע איז עלטער פון אַ יאָר, איז עס פסול פאַר'ן קרבן פסח. 2) 'בבית אחד יאכל', מ'דאַרף עסן דעם קרבן פסח אין איין הויז, און נישט אין צוויי אָדער דריי הייזער. 3) 'ועצם לא תשברו בו' - מ'זאָל נישט צעברעכן אַ ביין פונעם קרבן, אויף צוויי טיילן.

**זאָגט** דער מהר"ל (גבורות ה', פ"ס), אַז די אַלע מצוות האָבן איין ציל: אַז אין דער נאַכט פון פסח, זאָל אַ איד איינוואָרצלען ביי זיך אין הארץ, אַז עס איז דאָ נאָר 'איינער' - אחד אלוקינו שבשמים ובארץ[ג]. מ'זאָל אינגאַנצן 'פאַרברענען' דעם פסול'ן געדאַנק אַז עס איז

---

אַזאַ שטאַרקן כוח, ווייל מ'האָט דאָרט מזלזל געווען און געהאַלטן פאַר לייכט, אידישע מנהגים... (געברענגט אין דער הגדה של פסח 'נתיבות הקודש' סקווירא, ע' רכב).

**ג.** דער מיטעלער בעלזער רב, הרה"ק רבי יהושע'לע זי"ע, האָט אַמאָל פסח ביינאַכט ביים סדר דערציילט אַ מעשה מיט אַ איד, אַ בלוטיגער אָרימאַן ל"ע, וואָס זיין מזל האָט זיך 'פלוצלינג' איבערגעדרייט און ער איז געוואָרן איינע פון די רייכע אידן אין שטאָט. יעדער האָט זיך געוואונדערט, פון וואו איז ער פלוצלינג געוואָרן רייך, און

**דער** היילגער 'בני יששכר' זי"ע רעדט דערפון מער באריכות (חודש ניסן, מאמר ד, אות ד), **אַז** די טומאה

דאָ 'אפס זולתו' - עפּעס, אויסער דעם אויבערשטען ברוך הוא.

---

מ'האָט איהם געבעטען ער זאָל אויסזאָגן דעם 'סוד' פון רייכטום. דער עושר האָט אָבער געהאַלטן זיין מויל פאַרמאַכט, און האָט נישט אַנטפּלעקט זיין סוד פאַר קיינעם. אַמאָל האָט ער פאַרברענגט ביי אַ מאָלצייט מיט זיינע פריינט, און דאָרט האָט מען איהם אָנגעטרינקען מיט ווין 'כיד המלך', ביז ער איז געוואָרן שיכור. וויבאַלד 'נכנס יין', האָבן זיינע באַקאַנטע באַוויזן אַרויסצובאַקומען פון איהם דעם סוד פון זיין עשירות, מיט וואָס ער האָט זוכה געווען דערצו.

האט דער בעלזער רב אויסגעפירט, אַז אידישע קינדער קענען, אין דער נאַכט פון פסח, נאָך דעם ווי מיר רעכטן אָפּ דעם סדר, 'ככל משפטו וחוקתו', און מ'ענדיגט טרינקען די פיר כוסות, איז אַ בחינה פון 'נכנס יין', און מ'דעקט אויף דעם גרויסן סוד וואָס איז אָפּגעהיטן און באַהאַלטן אין האַרץ פון יעדן איד, 'אחד אלוקינו שבשמים ובארץ'... 'אין עוד מלבדו', און 'אפס זולתו'.

עס ווערט געברענגט, אַז צוליב דעם זאָגן מיר ביים סוף פונעם סדר דעם פּיוט, 'אחד מי יודע'. דאָס איז ווי אַ פּראָבע פאַר'ן מענטש, צו זעהן אויב ער האָט גוט פאַרשטאַנען דעם ענין פונעם סדר. דער סדר פון די פּראָבע איז, מ'פרעגט איהם, 'אחד מי יודע' - דאָס מיינט, וואָס דערמאנסטו זיך ווען דו הערסט די צאָל 1? האָט דער מענטש אַ ברירה צו ענטפערן, אַנדערע זאַכן וואָס עס איז ביי איהם נומער 1, ווי צום ביישפּיל, געלט, אָדער אַנדערע עניני עולם הזה. אָבער אויב ער האָט ריכטיג פאַרשטאַנען דעם ענין פון 'אמונה פשוטה', וועט ער ענטפערן - 'אחד' אלוקינו שבשמים ובארץ.

מיר האָבן שוין דערציילט, אַמאָל ווען דער הייליגער באַרדיטשוב'ער רב זי"ע איז צוריקגעקומען פון מעזריטש, וואו ער איז געשטיגן אין מעלות הקדושה ביים גרויסן און הייליגן מגיד זי"ע, האָט זיין שווער (וועמען עס האָט לגמרי נישט געשמעקט זיינע אָפטע נסיעות קיין מעזריטש) איהם געפרעגט, וואָס ער האָט געלערנט ביים רבי'ן אין מעזריטש. האָט דער 'קדושת לוי' איהם געענטפערט בפשטות: ביי מיין רבי'ן האָב איך געלערנט, אַז ס'איז דאָ אַ באַשעפער אויף דער וועלט. האָט דער שווער געלאַכט און געזאָגט: 'אה, דאָס ווייסט דאָך אויך די משרתת אין הויז...', און ער האָט אַריבערגערופן די משרתת און איר געפרעגט אויב עס איז דאָ אַ באַשעפער וואָס ער פירט די וועלט, און זי האָט געענטפערט, יאָ. האָט דער באַרדיטשוב'ער רב געזאָגט צום שווער: זי זאָגט, און איך ווייס... דאָס הייסט, זי זאָגט אַזוי, סתם 'געזאָגט', אָבער איך 'ווייס' באמת, איך לעב טאָג און נאַכט מיט דער ידיעה אַז ס'איז דאָ אַ באַשעפער אויף דער וועלט.

דאָס איז די כוונה פון דעם וואָס מיר זאָגן ביים סוף פון סדר פסח ביינאַכט: אחד אני 'יודע'. נאָכ'ן אָפּרעכטן אַזאַ הייליגן סדר, 'ווייסן' מיר און מיר 'לעבן' מיט דעם געדאַנק אַז 'אחד אלוקינו בשמים ובארץ'.

אויך קען מען זאָגן, 'יודע' איז פון לשון באַהעפטונג. זאָגן מיר, 'אחד אני יודע' - מיר טוהען זיך 'באַהעפטן' מיט דעם ענין אַז 'אחד אלוקינו בשמים ובארץ', און ממילא וועלן מיר לעבן דערמיט.

ענליכע ווערטער, שרייבט דער 'חרדים' (פרק א'), ווען ער ברענגט עטליכע פסוקים וואו מ'זעהט אַז די אידן האָבן נישט געקענט דעם אויבערשטען, פרעגט דער 'חרדים', לכאורה, ווייסט דאָך יעדער איינער אַז ס'איז דאָ אַ באַשעפער אויף דער וועלט. אַפילו דער גרעסטער עם הארץ ווייסט וועגן דעם. נאָר וואָס דען, פון דאָ לערנען מיר, אַז 'ידיעה' אין דעם פאַל מיינט מען 'זעהן' מיט אַ שטאַרקע אמונה, ווי איינער וואָס 'זעהט' עס מיט זיינע פליישיגע אויגן...

**ד.** אידן פירן זיך אָנצוטוהן אַ ווייסן קיטל אין דער סדר-נאַכט פון פסח. קען מען זאָגן אַ טעם דערפאַר, ווייל ווען

דער מענטש איז יונג, האָט ער פאַרשידענע דמיונות און פלענער וועגן דעם עתיד, וואָס עס וועט זיין מיט איהם אין דעם עניין פון בני חיי ומזוני, א. א.וו.. ווען קומט אָבער צו די מיטעלע יאָרן, זעהט ער שוין איין ביי פאַרשידענע זאַכן ווי דער אויבערשטער פירט די וועלט, און צום סוף ווערט אַלעס געטוהן לויט ווי דער באַשעפער וויל עס זאָל געטוהן ווערן, און נישט לויט די 'רבות מחשבות בלב איש'. דאָס איז אַזוי ווי ביי אַ מלחמה, ווען די אַרמיי פון איין לאַנד גיט זיך אונטער צו דעם שונא'ס אַרמיי, הייבן אויף די באַזיגטע סאָלדאַטן אַ ווייסע פאַן, אַלס צייכן אַז זיי גיבן זיך אונטער, און זיי נעמען אויף זיך די הערשאַפט פון דער מדינה וואָס האָט זיי באַזיגט. דאָס זעלבע איז מיט'ן מענטש. ווען ער קומט אין די מיטעלע יאָרן, און זיינע האָר הייבן אָן ווערן ווייס, איז עס אַזוי ווי אַ 'ווייסע פאַן' וואָס ער הייבט אויף פאַר דעם באַשעפער, ווי איינער זאָגט, אויך אין יענעם ענין גיב איך זיך אונטער,

פון מצרים איז באַשטאַנען אין דעם וואָס מצרים איז בעצם געווען דאָס קעגנזייט פון 'כפירה' - לייקענען אין דעם באַשעפער ברוך הוא, אַזוי ווי פרעה הרשע האָט געזאָגט (שמות ה, ב) 'מי ה' אשר אשמע בקולו'. די מצריים האָבן נישט איינגעזעהן אַז עס איז דאָ אַ מנהיג, אַ באַשעפער וואָס ער פירט די גאַנצע וועלט. זיי האָבן געהאַלטן אַז די וועלט שטייט אונטער די הערשאַפט פון טבע, 'עולם כמנהגו נוהג', אַלעס ווערט געפירט פון זיך אַליין ח"ו.

**צוליב** דעם האָבן די מצריים געמאַכט דעם 'טלה' פאַר זייער עבודה זרה, ווייל עס איז דער הויפט פון אַלע מזלות, און זיי האָבן געהאַלטן אַז די הנהגה פון דער וועלט ווערט געפירט פון די טבע און דעם מזל. און וועגן דעם, ווען עס איז געקומען די צייט פאַר די אידן אַרויסצוגיין פון מצרים, האָט דער אויבערשטער איבערגעדרייט די מערכות שמים וארץ דורך באַוויזן זיינע וואונדער, אַז די גאַנצע וועלט זאָל זעהן אַז דער אויבערשטער פירט די וועלט העכער פון דרך הטבע.

**און** דאָס איז דער ענין פון 'יציאת מצרים', מ'זאָל אַרויסגיין פון די ידיעה אַז עס איז דאָ אַזאַ זאַך ווי 'טבע', נאָר מ'זאָל גלייבן און פאַרשטיין אַז דער אויבערשטער איז דער וואָס פירט די גאַנצע וועלט, נישט די מזלות און טבע פון דער וועלט ח"ו.

**צוליב** דעם האָבן דער אויבערשטער געגעבן פאַר די אידן איידער זיי זענען אַרויסגעגאַנגען פון מצרים, די מצוה פון קרבן פסח, צו נעמען אַ לעמעלע וואָס איז דער 'בכור' פון די מזלות, און עס שחט'ן אַלס אַ 'קרבן פסח' און שפּריצן זיין בלוט פאַר'ן אויבערשטען, כדי צו ווייזן אַז אויך די מזלות זענען אונטערגעבויגן אונטער די השגחה און השפעה פון דעם אויבערשטען ברוך הוא.

**דאָס** איז אַ יסוד אין אמונה, צו וויסן אַז דער אויבערשטער, 'הוא לבדו עשה ועושה ויעשה לכל המעשים'[ה], 'אמת מלכינו, אפס זולתו'. עס איז נישט דאָ נאָך אַ כח אויף דער וועלט אויסער דער

---

ווייל איך ווייס יעצט אַז דער אויבערשטער איז דער וואָס פירט די וועלט. אָבער דער חכם, אַ קלוגער מענטש, וואָס 'עיניו בראשו', ער האָט די אויגן אין קאָפּ, זעהט ער איין שוין יונגערהייט אַז דער אויבערשטער פירט די גאַנצע וועלט. ער דאַרף נישט וואַרטן ביז ער וועט ווערן עלטער, נאָר ער מאַכט אינגאַנצן בטל זיין מיינונג פאַר דעם אויבערשטען.

צוליב דעם טוט מען אָן אַ ווייסן קיטל פסח ביינאַכט, ווייל אין דער נאַכט פון פסח שיינט דאָך די לעכטיגקייט פון אמונה אויף דער גאַנצער וועלט, און מיט'ן אָנטוהן דעם ווייסן קיטל, ווייזט דער מענטש אַז ער איז 'אינגאַנצן ווייס', נישט אַ האָר דאָ און אַ האָר דאָרט... ער אנערקענט מיט'ן גאַנצן האַרץ אַז דער אויבערשטער איז דער בעל הבית פון דער וועלט, און ער האָט דעם כח און די ממשלה איבער אַלעמען.

דאָס איז מרומז אין פסוק (ויקרא יג, יג) 'כולו הפך לבן טהור הוא', ווען דער מענטש איז זיך מכניע אינגאַנצן פאַר דעם אויבערשטען, איז עס אַ סימן אַז 'טהור הוא' - ער איז ריין.

**ה.** עס ווערט געברענגט אין ספרים אַ רמז אויף דעם וואָס מ'פירט זיך צו לייגן אין די מצה-טאַש דריי מצות, אַנטקעגן כהן, לוי, און ישראל. דאָס איז אַנטקעגן דעם 'עבר', דעם 'הוה', און דעם 'עתיד'.

לויט דעם קען מען זאָגן אַ טעם פאַרוואָס מען מאַכט 'יחץ', און מ'צוברעכט דייקא די מיטלסטע מצה, וואָס איז אַנטקעגן דעם 'הוה', ווייל מיר זאָגן ביים דאַווענען, 'ה' מלך, ה' מלך, ה' ימלוך לעולם ועד'. איז שווער, לויט'ן סדר, וואָלט מען געדאַרפט זאָגן קודם 'ה' מָלָך' אויפ'ן עבר, און דערנאָך 'ה' מֶלֶך', לשון הוה, און דערנאָך ה' ימלוך, אויפן' עתיד.

אבער דער תירוץ איז, ווייל מיר זאָגן, גוט, וואָס ס'איז געווען איז געווען... ס'איז דאָך אַזוי געווען באַשערט פון הימל... אויך לגבי דעם עתיד, וועלן מענטשן זאָגן, ממילא, עס וועט זיין גוט, דער אויבערשטער וועט אַוודאי העלפן (וואָס אַזאַ אמונה איז טאַקע אויך זייער חשוב), אָבער אויפ'ן 'הוה', וואָס עס קומט פאַר מיט'ן מענטש אין דער יעצטיגער מינוט, דער מאַכט איהם אַ שאָדן, און יענער טוט איהם אויפרעגן... ער 'טאַנצט מיר אויף די נערוון...'. דאַרף מען גלייבן אַז אויך דאָס אַלעס איז פון דעם אויבערשטען, און וויבאַלד דאָס איז דער גרעסטער נסיון, צו גלייבן אויך אויפ'ן הוה, אַז דער אויבערשטער פירט אַלעס צום גוטן פאַר'ן מענטש, האָט מען מקדים געווען צו זאָגן וועגן דעם הוה, ה' מלך - דער אויבערשטער איז דער קעניג פון דער וועלט אין דער יעצטיגער מינוט...

אויבערשטער, וואָס קען טוהן אַפילו אַ משהו אָן דעם ווילן פון דעם אויבערשטען[ו], און אַלעס וואָס פּאַסירט אויף דער וועלט, איז פון דעם אויבערשטען, מיט אַ חשבון געוואויגן[ז] און געמאָסטן[ח].

---

און צוליב דעם צוברעכן מיר פסח בייגאַכט די מיטלסטע מצה, וואָס איז מרמז אויפ'ן 'הוה'. כדי מרמז צו זיין, אַז דער עיקר עבודה פון אַ איד איז אמונה, צו גלייבן אין דעם אויבערשטען ביי דעם וואָס עס פּאַסירט מיט איהם יעצט, אין דער יעצטיגער מינוט. דאָרט דאַרף מען מאַכן 'סדר'... און אין דעם זענען מיר נאָך נישט צוגעקומען צו שלימות, נאָר מיר דאַרפן זיך שטאַרקן דערין...

מ'קען עס בעססער ערקלערן, מיט אַ 'מעשה שלא היה', איינער האָט זיך געוואָלט מאָביליזירן אין דער רוסישער אַרמיי. און ווי דער סדר איז, קוקט מען קודם נאָך די געטריישאַפט פון דעם סאָלדאַט פאַר'ן קייסער און פאַר'ן לאַנד, דעריבער איז די ערשטע פראַגע געווען, אויב ער איז גרייט אַוועקצושענקען זיין הויז פאַר די מלוכה. ווען מ'האָט יענעם געפרעגט אויב ער איז גרייט אַוועקצוגעבן זיין הויז פאַר די מלוכה, האָט ער געענטפערט, יאָ, איך בין גרייט דערויף מיט'ן גאַנצן האַרץ... האָט מען איהם ווידער געפרעגט, אויב ער וואָלט איבערגעגעבן אַלע זיינע פעלדער פאַר די מלוכה, אויב דער צאַר ניקאָלאַי וועט עס פאָדערן פון איהם, און ער האָט ווידער געענטפערט אַז יאָ. האָט מען איהם געפרעגט, אויב ער איז אויך גרייט אַוועקצוגעבן זיינע סטאַדעס שאָף און רינדער פאַר'ן מלכות, און אויך אויף דעם האָט דער יונגער 'קאַנדידאַט', געענטפערט אַז יאָ, ער וואָלט אויך זיינע שאָף און רינדער אַוועקגעגעבן פאַר די מלוכה. צום סוף, די לעצטע פראַגע איז געווען, אויב ער איז גרייט אַוועקצוגעבן פאַר'ן קייסר אויך זיין הינדעלע. אויף דעם האָט ער שוין אָבער געענטפערט: ניין, און ניין... הערנדיג אַזאַ ענטפער, האָט מען איהם - זעלבסט-פאַרשטענדליך - אַהיים געשיקט, ווייל אַזאַ איינער איז דאָך אַוודאי נישט ראוי צו באַדינען דעם קעניג און זיך צו געפינען צווישן די רייען פון די סאָלדאַטן וואָס דאַרפן האָבן מסירות נפש פאַר'ן קייסער און זיין מלוכה.

ווען ער איז אַהיים געקומען, האָט מען איהם געפרעגט אין הויז, היתכן? אַלעס האָסטו מסכים געווען אַוועקצוגעבן פאַר'ן קעניג, און נאָר דאָס הינדל, וואָס איז די ביליגסטע זאַך, ביזטו נישט גרייט אַוועקצושענקען פאַר'ן קייסער? האָט ער געענטפערט: וואָס פאַרשטייט איר נישט? אַ הויז, האָב איך דאָך נישט. אַ פעלד, האָב איך אויך קיינמאָל נישט פאַרמאָגט. און אַפילו שאָף און רינדער זענען קיינמאָל נישט געווען אַ טייל פון מיינע 'פאַרמעגנס'... נו, ממילא, אַ זאַך וואָס איך פאַרמאָג נישט, און איך האָב עס קיינמאָל נישט פאַרמאָגט, איז מיר בכלל נישט שווער עס גערן אַוועקצושענקען מיט גרויס שמחה פאַר'ן קעניג, אָבער דאָס הינדל וואָס איז מיין גאַנץ פאַרמעגן, דאָס וועל איך בשום-אופן נישט גרייט זיין אַוועקצושענקען פאַר'ן קייסער, ווייל דאָס באַלאַנגט דאָך צו מיר...

דער לימוד פון דעם איז: דער 'עבר' איז דאָך שוין פאַרביי געגאַנגען. דער 'עתיד' איז דאָך נאָך נישט דאָ אויף דער וועלט, און ממילא, איז לייכט צו זאָגן 'ה' מלך', און ה' ימלוך' לעולם ועד... אָבער לגבי דעם 'הוה', דאַכט זיך פאַר'ן מענטש אַז עס איז 'זיינס'... וועגן דעם, דאַרף ער צום ערשט זאָגן 'ה' מלך', איבערצוגעבן דעם הוה פאַר'ן אויבערשטען.

**ו.** מיר זאָגן אין דער הגדה פסח בייגאַכט, 'אחד חכם ואחד רשע'. יעדער איינער וואָס ווערט נאָר אָנגערופן 'איד', וועט אַוודאי זאָגן 'איך גלייב אַז ה' הוא האלוקים', דער אויבערשטער פירט אַלעס אויף דער וועלט... אָבער עס זענען דאָ מענטשן וואָס קענען צוגעבן ביים זאָגן אַזעלכע ווערטער, יאָ, ריכטיג טאַקע, איך ווייס אַז אַלעס איז פון הימל, אָבער פאַרוואָס האָט יענער מיר געמאַכט אַ שאָדן, און פאַרוואָס האָט יענער מיר אויסגעכאַפּט אַ געשעפט וואָס איך האָב געוואָלט ענדיגן, וואָס ווייל אַ דריטער פון מיר, וואָס ער דערגייט מיר די יאָרן... אויף דעם זאָגט אונזער דער בעל הגדה: אויב דער מענטש גלייבט באמת מיט די גאַנצע אמונה אין דעם 'אחד', ער גלייבט אַז 'הוא לבדו עשה ועושה ויעשה לכל המעשים', איז ער אַ 'חכם'. אָבער אויב 'ואחד', מיט אַ 'וא"ו החיבור', וואָס טוט באַהעפטן דעם אויבערשטען כביכול צו נאָך עמיצן ח"ו, דאָס הייסט, ער פרעגט, יאָ, איך ווייס טאַקע אַז דער אויבערשטער טוט אַלעס, אָבער פאַרוואָס האָט יענער מיר געטוהן אַזוי און אַזוי... אַזאַ איינער איז אַ 'רשע' ל"ע.

**ז.** עס איז אַ באַקאַנטער כלל, אַז דער סיום און סוף פון יעדע זאַך, איז דער שטאַרקסטער טייל דערפון, אַזוי ווי די תפילה פון 'נעילה' אין יום כיפור, ווייל דער שטאַרקסטער טייל פונעם טאָג איז ביים סוף פונעם טאָג [און צויב דעם געפינט מען אין 'משנה תורה' פון רמב"ם, אַז ביים סוף פון יעדן סדר, ענדיגט ער מיט עניינים פון עבודת

אין כלל פון אמונה פשוטה איז, אַז עס זאָל זיין קלאָר ביי דעם מענטש אַז יעדער צער און ווייטאָג איז געמאָסטן און געוואויגן פון הימל, און קיין באַשעפעניש אויף דער וועלט קען נישט צולייגן אָדער אַראָפּנעמען פון זיין צער אַפילו אַביסל[ט] [אויסער מיט תפילה].

אַזוי האָט דער 'חידושי הרי"ם' זי"ע, געזאָגט אויף די ווערטער פונעם 'מגיד' אין דער הגדה של פסח: 'וירעו אותנו המצרים, כמה שנאמר... ויענונו, כמה שנאמר...'. דאַרף מען פאַרשטיין, פאַרוואָס זאָגט דער 'מגיד' אויף יעדער זאַך 'כמה שנאמר'... ער קען דאָך

---

ה' להלכה ולמעשה, ווייל דאָס איז דער תוקף און דער עיקר וואָס קומט אַרויס פון אַלע הלכות, 'לשמור ולעשות ולקיים'. לויט דעם, דאַרף מען פאַרשטיין פאַרוואָס ענדיגט מען דעם 'סדר' פסח ביינאַכט, פונקט מיט'ן פיוט 'חד גדיא'?

קען מען ענטפערן, ווייל דער עיקר און דער תוקף פונעם גאַנצן סדר, איז איינצוואָרצלען אמונה אין יעדן אידישן האַרץ, ביז ער וועט וויסן אַז אויך אַ 'דומם' ווערט געפירט מיט אַ ספעציעלן חשבון און השגחה פרטית פון הימל. אַזוי זעהען מיר אויך אין 'חד גדיא', אַז דאָס ציגעלע האָט תרעומות צוליב דעם וואָס די גרויזאַמע קאַץ האָט איר פאַרציקט. בשעת מעשה זעהט עס אויס פאַר'ן מענטשליכן אויג, אַז עס איז חלילה אַ מצב פון 'לית דין ולית דיין' ה"י, דאָס ציגעלע ווייקט זיך אין זיין בלוט כאָטש ער האָט נישט שלעכטס געטוהן פאַר קיינעם, און די רשעות'דיגע קאַץ, עסט און געניסט פון אַ 'סעודת שלמה'. דער אמת איז אָבער, אַז באַלד וועט קומען דער הונט, און ער וועט באַשטראָפן די קאַץ מיט'ן גאַנצן חומר הדין. דערנאָך וועט אויך דער הונט באַקומען זיין שטראָף מיט אַ הימלישן חשבון - דורכ'ן שטעקן. און אַזוי איז עס ביי אַלע ענינים פון דער וועלט. אַלעס ווערט געפירט מיט אַ פונקטליכן חשבון. ס'איז נישט דאָ קיין 'מקרה' אויף דער וועלט, און דאָס איז די הויפט עבודה פון אַ איד אין דער הייליגער נאַכט.

**ח.** אין דער סדר-נאַכט פון פסח, טרינקען מיר פיר כוסות, אַנטקעגן די פיר לשונות פון גאולה, 'והוצאתי', 'והצלתי', 'וגאלתי', און 'ולקחתי'. רש"י (פסחים קח. ד"ה 'ארבע'), זאָגט אָבער, אַז מיר טרינקען פיר כוסות אַנטקעגן די דריי מאָל וואָס עס ווערט דערמאַנט אין פסוק ביים חלום פונעם שר המשקים אין מצרים, ווי דער פסוק זאָגט (בראשית מ, יא) 'וכוס פרעה בידי, ואקח את הענבים ואשחט אותם אל כוס פרעה, ואתן את הכוס על כף פרעה', און נאָך איין כוס פון ברכת המזון (דער מקור דערפון איז אין ירושלמי, פרק ערבי פסחים). דאַרף מען פאַרשטיין די שייכות צווישן די כוסות אינעם חלום פונעם שר המשקים, מיט דער סדר נאַכט וואָס מיר פראַוועוון.

שטייט אויף דעם אין ספר 'שערי ליל הסדר' (להג"ר ישראל דוד שלעזינגער שליט"א, ע' קמה) אַ וואונדערליכער תירוץ, אויב מיר ווילן גוט אַריינטראַכטן, וועלן מיר זעהן אַז דער גאַנצער גלות אין מצרים, און די אויסלייזונג פון דאָרט, איז געקומען דורך ... איין פליג... דער פליג וואָס איז אַריינגעפאַלן אינעם בעכער פונעם שר המשקים ווען ער האָט עס דערלאַנגט פאַר פרעה דעם קעניג פון מצרים, וואָס צוליב דעם איז פרעה געוואָרן אויפגעצאַרנט און ער האָט איהם אַריינגעשליידערט אין טורמע, וואו ער האָט זיך געפונען אין איין צעל מיט יוסף הצדיק. דאָרט האָט יוסף באַשיידט זיין חלום, און שפּעטער האָט דער שר המשקים דערציילט פאַר פרעה וועגן יוסף, אַז ער קען באַשיידן חלומות, וואָס דורך דעם איז יוסף דערהויבן געוואָרן צו ווערן אַ משנה למלך אין מצרים, און יעקב אבינו ע"ה און זיינע קינדער זענען אַראָפּגעקומען קיין מצרים...

דער תכלית פון דער סדר נאַכט פון פסח איז דאָך די ידיעה אַז דער אויבערשטער פירט די וועלט: וידעתם כי אני ה'. ממילא, איז נישט גענוג צו דערציילן די ניסים וואָס זענען געווען ביי יציאת מצרים, נאָר מיר דאַרפן גוט אַריינלייגן אין האַרץ ווי אַזוי דער אויבערשטער, דער 'קורא הדורות מראש', האַלט זיין השגחה אויף די בריאה ביי יעדן פרט און פרט, און באַלד פון אָנהייב האָט ער צוגעגרייט דעם גלות און די גאולה, און מיר דאַרפן זיך מתבונן זיין אין דעם ווי אַזוי אַ 'פליג' איז אַריינגעפאַלן אין פרעה'ס בעכער, מיט אַ השגחה פרטית... כדי דורך דעם זאָלן די אידן אַראָפּגיין קיין מצרים. דאָס איז די ריכטיגע 'גאולה', ווען מיר זענען זוכה צום אור פון אמונה, צו וויסן ווי אַזוי יעדע זאַך וואָס קומט פאָר אין די בריאה, קליין ווי גרויס, איז נאָר מיט'ן באַשעפער'ס ווילן. צוליב דעם האָט מען באַשטימט צו טרינקען די כוסות פסח ביינאַכט, אַנטקעגן די 'כוסות' וואָס ווערן דערמאַנט אין דעם חלום פונעם שר המשקים.

**ט.** אין דעם כלל איז, אַז אויך דער מענטש אַליין קען נישט ברענגען אויף זיך אַ צער אויב עס איז נישט נגזר געוואָרן אין הימל.

זאָגן בקיצור, וירעו אותנו המצרים ויענונו וכו'. אין די פסוקים וואָס ער ברענגט, שטייט גאָרנישט מער ווי דאָס וואָס מיר ווייסן אָן זיי'.

**ענטפערט** דער 'חידושי הרי"ם', אַז דער מגיד האָט דאָ מרמז געווען מיט זיין הייליגן לשון, אַז יעדער עינוי און צער וואָס אַ מענטש ליידט חלילה,

---

אינעם סדר פון די 'קערה' ביים סדר, לויט'ן אר"י הקדוש ז"ל, איז 'מרור' אַנטקעגן יעקב אבינו ע"ה (די מדה פון 'תפארת'), און 'חזרת' (יסוד) איז אַנטקעגן יוסף, אוןביידע שטייען צוזאַמען אויפ'ן אונטערשטען טייל פון דעם 'סגול' וואָס מ'שטעלט אַוועק אין די קערה.

קען מען זאָגן בדרך רמז, אַז עס קומט צוצוגלייכן ביידע, יעקב און יוסף. אויבנאויף, קען עס אויסזעהן מיט'ן מענטשליכן אויג, אַז די צרות וואָס יעקב אבינו ע"ה האָט געליטן פון לבן, פון דינה און פון עשו, איז אַלעס געווען פון הימל, אָבער די צרות וואָס יוסף האָט געליטן פון זיינע ברידער און די פרוי פון פוטיפר א.א.וו.. האָט ער זיך 'לכאורה' אַליין אָנגעמאַכט... דורך דעם וואָס ער האָט גורם געווען אַז די ברידער זאָלן איהם פיינט האָבן, און ער איז אַפילו געגאַנגען צו זיין קיין דותן. אָבער דאָ לערנען מיר, אַז אויך דאָס וואָס דער מענטש 'טוט זיך אַליין' גורם זיין, איז אויך פון הימל. דעריבער שטייען ביידע, 'יעקב' און 'יוסף', גלייך איינער נעבן אַנדערן, אונטן פון די 'קערה', כדי אונז צו לערנען, אַז דער זעלבער באַשעפער וואָס האָט געמאַכט די פאַסירונגען מיט יעקב אבינו ע"ה, האָט געמאַכט די פאַסירונגען וואָס האָבן פאַסירט צו יוסף הצדיק... אַ מענטש מאַכט זיך גאָרנישט אַליין. אויך זיינע 'הענט' זענען בידי שמים.

אַזוי זאָגן די ספרים אויפ'ן פסוק (תהלים כג, ד) 'גם כי אלך בגיא צלמות לא אירא רע כי אתה עמדי'. לכאורה דאַרף מען פאַרשטיין דאָס לשון 'אלך' בגיא צלמות, וועלכער מענטש גייט דען אַליין אַריין אין אַ טויטן גרוב? דער פסוק וואָלט ענדערש געדאַרפט זאָגן 'גם כי יוליכוני', אָדער 'גם כי אתהלך' (איך וועל 'געפירט ווערן'), און דאָס גלייכן. נאָר דער פסוק קומט אונז לערנען, אַז אויך אויב דער מענטש האָט אַליין גורם געווען פאַר זיך דעם שאָדן, ער האָט זיך אַליין גורם געווען דאָס אַריינגיין אינעם 'גיא צלמות' ח"ו, וועט ער אויך נישט מורא האָבן ('לא אירא רע'), 'כי אתה עמדי', ווייל דו, באַשעפער, האָסט מיך געפירט אַז איך זאָל גיין צו יענעם אָרט וואָס קען מיר גורם זיין אַ שאָדן, און ממילא, וועסטו מיך אויך ראַטעווען פון אַלעם בייזן.

**י.** מיר האָבן שוין געזאָגט אַמאָל, דער פסוק זאָגט (שמות יג, ד) 'היום אתם יוצאים בחודש האביב'. זאָגט רש"י, צי דען האָבן מיר נישט געוואוסט אַז די אידן זענען אַרויסגעגאַנגען פון מצרים אין חודש ניסן? פאַרוואָס דאַרף דער פסוק זאָגן "בחודש האביב"? נאָר משה רבינו ע"ה האָט געזאָגט צו די אידן, זעהט נאָר דעם חסד וואָס דער אויבערשטער האָט מיט אייך געטוהן. ער האָט אייך אַרויסגענומען פון מצרים אין אַ חודש וואָס עס איז גוט אַרויסצוגיין דעמאָלס, ס'איז נישט הייס, און ס'איז נישט קאַלט, און עס קומט נישט קיין רעגן.

דאַרף מען פאַרשטיין, ווען מ'גייט אַרויס "מאפילה לאורה, ומשעבוד לגאולה", טראַכט מען דעמאָלס וועגן דעם 'שיינעם וועטער', צי עס איז הייס, אָדער קאַלט אינדרויסן? ווער טראַכט דעמאָלס וועגן אַזעלכע 'קלייניגקייטן', ווען עס פאַסירט מיט איהם אַזאַ גרויסער און וואונדערליכער נס? צום ביישפיל, אויב מ'וואָלט געפרעגט אין צייט פון דער צווייטער וועלט מלחמה, ווען געוויסע אידן זענען אַראָפּגעשפּרינגען פון די טויט וואַגאָנען וואָס זענען געפאָרן קיין אוישוויץ אָדער צו אַנדערע ביטערע לאַגערן, און דערמיט זיך געראַטעוועט די לעבן פון אַ זיכערן טויט, אויב עמיצער זאָל זיי פרעגן אויב ס'איז געווען דעמאָלס קאַלט אָדער הייס, טריקן אָדער פייכט, צי עס האָט גערעגנט אָדער געשנייט, וועט דאָך אַזאַ איינער אַוודאי לאַכן פון אונז פאַר'ן איהם שטעלן אַזאַ פראַגע... אין אַ צייט ווען דער מענטש זוכט זיך צו ראַטעווען פון טויט ח"ו, טראַכט ער נאָר וועגן ראַטעווען דאָס לעבן, און נישט וועגן דעם וועטער...

נאָר וואָס דען, ביי דעם אויבערשטען איז אַנדערש. 'הצור תמים פעלו' מיט'ן גאַנצן שלימות. עס איז נישט דאָ אַ 'מקרה' אויף דער וועלט, און קיין שום זאַך קומט נישט אַראָפּ פון הימל, אָן אַ פּונקטליכן חשבון אויף יעדן 'חוט השערה'. דער מענטש וועט נישט באַקומען, נישט קיין פאַרדינסט, און נישט אַ שאָדן אַפילו אַ 'כהוא זה', מער ווי עס איז באַשטימט געוואָרן פאַר איהם פון הימל מיט אַ פּונקטליכן חשבון. אָט דעם לימוד דאַרפן מיר זיך אַראָפּלערנען פון יציאת מצרים, אַז דער מענטש זאָל איינוואָרצלען אין מוח און אין האַרץ, אַז יעדע זאַך - קליין, אַזוי ווי גרויס - ווערט באַשטימט מיט אַ גענויע מאָס און צאָל.

איז עס 'כמה שנאמר' - לויט ווי מ'האט געזאגט אין הימל עס זאל אזוי זיין... אפילו דער מינדסטער צער קען נישט קומען אויב עס איז נישט 'כמה שנאמר', לויט ווי מ'האט געזאגט און אויסגערופן אין הימל[י].

### שבת הגדול - דער שבת איז איז א הקדמה פאר די גאולה

**היינטיגן** שבת, האט פאסירט א גרויסער נס מיט די אידן אין מצרים, ווי עס שטייט אין "סדר עולם" (פ"ה) אז דער פופצענטער טאג פון חודש ניסן, דער טאג ווען די אידן זענען ארויסגעגאנגען פון מצרים, איז געווען דאנערשטאג. קומט אויס, אז דער צענטער טאג פון חודש ניסן, ווען מ'האט גענומען דאס לעמעלע פאר'ן קרבן פסח, "שה לבית", איז געווען שבת, און עס האט פאסירט א נס מיט די אידן, אזוי ווי דער 'טור' ברענגט (או"ח סי' ת"ל) אין נאמען פון מדרש, אז יעדער איינער האט גענומען א שעפסל פאר'ן קרבן פסח, און ער האט עס צוגעבונדן צו די פיס פון בעט, און ווען די מצריים האבן געפרעגט פארוואס זיי טוהען אזוי, האבן די אידן זיי געענטפערט, אז מיר נעמען דאס שעפסעלע כדי צו עס שחט'ן פאר'ן קרבן פסח, אזוי ווי דער אויבערשטער האט אונז באפוילן, און די ציין פון די מצריים זענען ארויסגעפאלן פון כעס אז די אידן שחט'ן זייער אפגאט, אבער זיי האבן זיי נישט געטארט זאגן א ווארט. צוליב דעם נס, רופט מען דעם שבת פאר פסח מיט'ן נאמען "שבת הגדול" (תוספות, שבת פז: ד"ה "ואותו").

**עס** איז באקאנט וואס די מפרשים פרעגן, פארוואס רעכנט מען דעם נס פאר'ן שבת'דיגן טאג (וואס צוליב דעם ווערט עס גערופן "שבת הגדול"), און נישט פאר'ן צענטן טאג, ווען דער נס האט פאסירט, אזוי ווי מיר געפינען ביי אנדערע ימים טובים, אז זיי זענען באשטימט געווארן אינעם טאג פון דעם חודש ווען עס האט פאסירט, און נישט אין דעם טאג פון דער וואך.

**זאגט** דער הייליגער אפטער רב זי"ע, (יומא דהילולא, ה' ניסן), אין "אוהב ישראל" (ליקוטי נ"ך, השמטה לשבת הגדול), אז דאס וואס די אידן האבן מקיים געווען דעם ענין פון "משכו ידיכם מעבודה זרה" אין צענטן טאג פון חודש ניסן, און האבן גענומען שאף פאר די מצוה פון קרבן פסח, וואס דערמיט האבן זייערע נשמות זיך

---

דאס זעלבע איז געווען ווען די אידן זענען אראפגעגאנגען קיין מצרים, וואס האט זיך אנגעהויבן מיט'ן פארקויפן יוסף, ווי עס ווערט געברענגט (אין נאמען פונעם 'אלטן' פון קעלם, און אנדערע גדולי ישראל) אויף די ווערטער פון רש"י ז"ל אויפ'ן פסוק (בראשית לז, כה) 'וישאו עיניהם ויראו והנה אורחת ישמעאלים באה מגלעד, וגמליהם נושאים נכאת וצרי ולוט', זאגט רש"י, אז דער פסוק האט דערמאנט וואס די אראבער האבן געטראגן אויף זייערע קעמלען, דיך צו לאזן וויסן דעם שכר פון צדיקים, אז כאטש אראבער טראגן געווענליך מיט זיך זאכן וואס האבן א שלעכטן ריח, אזוי ווי נאפט, אויל און 'עטרן', אבער צוליב יוסף, האט דער אויבערשטער געמאכט אז די אראבער זאלן דעמאלס טראגן זאכן וואס גיבן ארויס א גוטן ריח, כדי דער צדיק יוסף זאל נישט דארפן ליידן פון א שלעכטן ריח.

איז שווער, אין אזא נידעריגן מצב ווען מ'גייט פארקויפן יוסף'ן און איהם דערווייטערן פון זיין טאטע'ס הויז לדורות עולם, אן דעם וואס מ'זאל וויסן וואס עס וועט זיין דער גורל זיינע ברוחניות ובגשמיות, איז דען עפעס א חילוק וואס פאר א ריח עס געפינט זיך, א גוטער ריח, אדער נישט? נאר וואס דען, דער אויבערשטער ברענגט נישט אויפ'ן מענטש קיין שום צער און עגמת נפש מער ווי עס איז איהם באשערט צו ליידן, אפילו אויף א האר, און וויבאלד א 'שלעכטער ריח' איז נישט נגזר געווארן אויף יוסף'ן דעמאלס, אין צוגאב צו די עצם מכירה, האט מען נישט געוואלט פון הימל אז די אראבער זאלן טראגן מיט זיך זאכן וואס האבן א שלעכטן ריח, נאר 'נכאת וצרי ולוט', וואס שמעקן גוט. דער מענטש וואס ווייסט דאס און געדענקט עס, ווערט זיין לעבן פארענדערט צום גוטן, ווייל ער ווייסט דאך אז דער גאנצער צער וואס ער ליידט איז געוואויגן און געמאסן פון הימל, גענוי וויפיל מ'האט גוזר געווען אין הימל, און ער וועט קיינמאל נישט ליידן אפילו א 'קליפת השום' מער ווי דאס וואס מ'האט באשטימט פאר איהם פאר זיין טובה וועגן.

**יא.** דער 'חידושי הרי"ם' זי"ע זאגט ('שפת אמת', שבת הגדול תרנ"ד) אז דאס קומט אונז לערנען, אז פון יעדן עינוי און צער וואס מיר האבן געליטן פון די מצריים, איז געווארן א 'פרשה' אין דער תורה, ווייל עס איז נישט דא א צער אויף דער וועלט אומזיסט און אן א חשבון, נאר אלעס וואס דער מענטש גייט אריבער איז כדי ער זאל צוקומען צו שלימות.

מדבק געווען אין דעם הייליגן באַשעפער, דאָס אַלעם האָט פּאַסירט מיט'ן כח פון הייליגן שבת[יב], וואָס ווערט גערופן "יומא דנשמתא" (זוהר ח"ב רה.), און וועגן דעם איז באַשטימט געוואָרן אין אַלע דורות, צו פייערן דעם נס אין שבת, וואָס איז "יומא דנשמתין", און דעמאָלס גייט יעדער איד אַרויס פון זיין גלות הנפש[יג].

**דער** "לבוש" זאָגט (סי' ת"ל, ס"א) אַז דער שבת ווערט גערופן "שבת הגדול", ווייל עס איז אַ הקדמה פאַר די גאולה, וואָס דער נביא זאָגט (מלאכי ג, כג) "הנה אנכי שולח לכם את אליה הנביא לפני בוא יום ה' הגדול והנורא, והשיב לב אבות על בנים, ולב בנים על אבותם".

הרה"ק בעל "חידושי הרי"ם" זי"ע האָט געזאָגט ("שיח שרפי קודש", ג, קצו) אַז שבת הגדול איז אַזוי ווי יום כיפור. ער דרש'ענט אַזוי ווי אַ 'גזירה שוה': "עשור הזה הוא כמו עשור דיום הכיפורים, שהוא מטהר ומעמיד בחזרה ביושר". דער דאָזיגער שבת (דער צענטער טאָג פון חודש ניסן) איז אַזוי ווי דער צענטער טאָג (פון חודש תשרי) - יום כיפור, וואָס איז מטהר און שטעלט צוריק דעם איד אַז ער זאָל ווערן גלייך. "לכן נקרא יום הכפורים יומא רבה", און דערפאַר ווערט יום כיפור אָנגערופן "דער גרויסער טאָג". און אַזוי ווערט אויך דער היינטיגער שבת אָנגערופן 'שבת הגדול', ווייל ער רייניגט און הייליגט די נשמה פון יעדן איד פון יעדן פגם און זינד[יד].

---

**יב.** דער "אוהב ישראל" זאָגט וועגן דעם ענין פון שבת הגדול, עס שטייט אין זוהר הקדוש (ח"ב סג:) אַז פון שבת ווערן געבענטשט אַלע זעקס טעג פון דער וואָך. דאָס הייסט, אַלע טעג פון דער וואָך ציען זייער יניקה פונעם כח פון שבת הגדול און שבת שובה, זעהט מען דאָך אַז דער היינטיגער שבת אַנטהאַלט אין זיך אַלע שבתים פון גאַנצן יאָר.

**יג.** דער "בית אברהם" (לשבת הגדול, ד"ה "ענין שבת הגדול"), ברענגט אין נאָמען פון הרה"ק בעל "יסוד העבודה" זי"ע, אַ טעם פאַרוואָס דער שבת ווערט גערופן "שבת הגדול", על דרך משל, אַ גרויסער און מעכטיגער קעניג, האָט צוגעגרייט אַ גרויסע סעודה פאַר אַלע זיינע גוטע פריינט. וויבאַלד "אין עניות במקום עשירות", האָבן די קייסערליכע קנעכט צוגעגרייט אַלע צרכי הסעודה מיט אַ ברייטער האַנט, "כיד המלך". ממילא, זענען ביים סוף פון דער סעודה איבערגעבליבן אַסאַך מאכלים און משקאות, און ווען מ'האָט דערציילט וועגן דעם פאַר'ן קעניג, האָט ער באַפוילן צו טיילן דאָס איבערגעבליבענע עסן און געטראַנקען פאַר די איינוואוינער פונעם לאַנד, אָבער אויך נאָך דעם ווי מ'האָט פאַרטיילט דאָס איבערבלייבעכץ פון דער סעודה פאַר'ן גאַנצן פאָלק, איז נאָך אַלץ איבערגעבליבן גענוג עסן און טרינקען. עס פּאַסט דאָך אָבער נישט אַוועקצוואַרפן אין מיסט די שיריים פונעם קעניג'ס סעודה, האָט ער אַלזאָ באַפוילן צו געבן דערפון אויך פאַר די אַרעסטאַנטן אין די טורמעס. (מ'קען צולייגן, אַז מסתמא האָט מען זיי אַרויסגענומען פון תפיסה און געזעצט אין אַ בכבוד'יגן אָרט, צו עסן דאָרט פון דער סעודה, ווייל עס פּאַסט דאָך נישט צו עסן די מאכלים פונעם קעניג אין טורמע).

דער נמשל איז: דער באַשעפער, מלך מלכי המלכים הקדוש ברוך הוא, וואָס "לא כלו רחמיו", זיין מדת הרחמנות איז גרעניצלאָז, גיט פון זיינע רחמים און חסדים אויך פאַר די פושעים און חוטאים, ווי דער פסוק זאָגט (תהלים כא, יא) "וסלחת לעוני כי רב הוא", און די מפרשים פרעגן, וואָס איז דאָס אַ 'נתינת טעם', אַז וויבאַלד עס איז אַ סאַך מיינע עבירות, דאַרפסטו מיר מוחל זיין די עבירות. אדרבה, אויב דער מענטש האָט אַסאַך געזינדיגט קעגן דעם אויבערשטען, פאַרוואָס זאָל ער איהם מוחל זיין? אָבער לויט דעם אויבן דערמאַנטן איז פאַרשטענדליך, ווייל מ'קען זאָגן אַז די ווערטער "כי רב הוא", גייען אַרויף אויף די חסדים פון דעם אויבערשטען, אַז זיי זענען פילצאָליג, און כדי עס זאָל נישט חלילה גיין לאיבוד, דאַרף דער אויבערשטער זיך באַנוצן דערמיט, אויך פאַר די חוטאים און פושעים...

לויט דעם, זאָגט דער "בית אברהם", אַ טעם פאַרוואָס דער שבת פאַר פסח ווערט גערופן "שבת הגדול", ווייל דער שבת האָט אַ גרויסן כח אַז אויך די פושעים און חוטאים זאָלן זיך קענען שיצן אונטער זיינע פליגל, און זיך רייניגן און הייליגן פאַר דער גרויסער הייליגער נאַכט פון פסח.

מיר האָבן געהערט פון אַן אייניקל פון סלאָנימער רבי'ן, הרה"ק בעל "נתיבות שלום" זצ"ל, פלעגט כסדר חזר'ן די ווערטער פונעם "בית אברהם", ווייל לכאורה איז שווער, וואָס איז דער יחוס מיט'ן שבת פאַר פסח? יעדער שבת איז דאָך אַ גרויסער שבת, מיט אַ גרויסן כוח, אַזוי ווי מיר זאָגן אין דער ברכה "רצה והחליצנו", "כי יום זה גדול וקדוש הוא לפניך". אויב אַזוי, וואָס איז די מעלה פון שבת הגדול? נאָר שבת הגדול איז אַ "גדול שבגדולים".

**יד.** מיר האָבן געהערט נאָכזאָגן אין נאָמען פון איינעם פון די צדיקי הדור, נאָך אַ טעם פאַרוואָס עס ווערט גערופן "שבת הגדול", ווייל אין דעם שבת האָבן די אידן מקיים געווען "משכו וקחו לכם צאן". דער "שה" אין מצרים

# פסח

## שואלין ודורשין - זיך גרייטן צום יום טוב מיט אַ הכנה דרבה

**צדיקים** האָבן געזאָגט, אַז לויט ווי דער מענטש מאַכט אַ הכנה צו אַ מצוה, און צו די לעכטיגע און הייליגע יו"ט טעג הבאים עלינו לטובה, אַזוי איז דער מענטש זוכה צו באַקומען דעם אור און די השפעה צום גוטן.

**די** גמרא זאָגט (יומא לט.) 'אדם מקדש עצמו מעט מקדשין אותו הרבה, מלמטה, מקדשין אותו מלמעלה'. שרייבט דער של"ה הקדוש בזה הלשון: לויט די הכנה וואָס דער מענטש מאַכט און ער טוט זיך צוגרייטן, רוהט אויף איהם די הימלישע רוחניות וכו' ע"כ.

**אויך** דער רמב"ן ז"ל שרייבט (ספר הגאולה): דער אויבערשטער פירט זיך מיט יעדן מענטש און מיט יעדן דור, ער איז גרייט משפיע צו זיין גוטס, לויט ווי זיי טוהען זיך צוגרייטן צו באַקומען די השפעות.

**עס** שטייט אין ספה"ק 'תפארת שלמה' (פ' ויגש, ד"ה 'ויגידו'), אַז ביי יעדע מצוה אָדער תורה און תפילה, דאַרף דער מענטש צוערשט זיך צוגרייטן דערצו, ער זאָל קענען קומען שטיין פאַר'ן קעניג[טו], ווייל ביי יעדע מצוה ווערט נמשך אויפ'ן מענטש אַ גרויסע השפעה פון קדושה פון דעם עצם טוהן די מצוה, אַזוי ווי מיר זאָגן איידער מיר זענען מקיים די מצוה, 'אשר קדשנו במצוותיו'. וועגן דעם איז ריכטיג צוצוגרייטן דאָס האַרץ און זיך רייניגן איידער מ'טוט עפּעס, און זיך צוגרייטן צו מאַכן אַ כלי וואו די קדושה זאָל קענען רוהען נאָכ'ן טוהן די מצוה[טז] וכו'. קומט אויס, אַז דער ענין פון די הכנה איז אַ כלי וואָס האַלט די מצוה און איז שייך צו די מצוה.

**און** אויף דעם זאָגן חז"ל (ביצה ב:) אַז 'הכנה' איז מן התורה, פונקט אַזוי ווי די מצוה איז מן התורה. און וויסן דאַרף מען, אַז די הכנה איז די 'האַנט' וואָס טוט אונטערהאַלטן די מצוה און די התחלה דערצו, ממילא האָט עס פונקט אַזאַ חשיבות. ווייל אויב דער מענטש מאַכט אַליין די געהעריגע הכנה, וועט ער אַוודאי מקיים זיין די מצוה ווי ס'דארף צו זיין, און דאָס גיט אַריין אַ כח און אַ שטאַרקייט אינעם מענטש און עס איז איהם מעורר ביים מקיים זיין די מצוה, אַז ער זאָל נישט נאָכלאָזן דערפון, עכ"ל.

---

ווייזט אויף די שטאַרקע טומאה, ווייל עס איז געווען די "עבודה זרה" פון די מצריים, און פונדעסטוועגן, איז עס אַליין אויסגעוויילט געוואָרן אַלס אַ קרבן פאַר דעם אויבערשטען. פון דעם לערנען מיר, אַז דער יום טוב פסח איז מסוגל איבערצודרייען די נשמות פון אידישע קינדער, פון זייער פאַרזינקענקייט אין די מ"ט שערי טומאה רח"ל, ביז צו די העכסטע מדריגות פון קדושה. דאָס אַליין איז דאָך אויך אַ גרויסע זאַך, און וועגן דעם ווערט עס אָנגערופן "שבת הגדול".

**טו.** צדיקים האָבן געזאָגט, אַז די הכנה צו אַ מצוה, איז גרעסער פון די מצוה אַליין. די ספרים ברענגען פאַרשידענע טעמים פאַרוואָס די הכנה האָט אַזאַ גרויסע מעלה, אַז ס'איז חשוב'ער ווי די מעשה המצוה זעלבסט. איין טעם ווערט געברענגט, ווייל דער גאַנצער ענין פון הכנה און טהרת הנפש, און די השתוקקות צו אַ מצוה, איז דאָך נישט שייך ביי מלאכים אין הימל, וועלכע זענען קדושים וטהורים און זיי דאַרפן נישט קיין שום הכנה. באַלד נאָך דעם ווי זיי זענען באַפוילן געוואָרן עס צו טוהן, טוהען זיי די שליחות. מה שאין כן מענטשן וואָס זענען 'קרוצי חומר', און זיי האָבן אַ יצר הרע, דאַרפן זיך ערשט צוגרייטן צו אַ מצוה, און טאַקע דערפאַר האָט דער אויבערשטער אויסגעוויילט די מענטשן, זיי זאָלן איהם דינען, ווייל זיי גרייטן זיך צו איידער זיי זענען מקיים אַ מצוה.

**טז.** איינע פון די הכנות, איז די התבוננות 'לאן אתה נכנס', וואו מ'גייט אַריין, אין אַ יום טוב וואָס איז משפיע אַזוי פיל קדושה און טהרה אויפ'ן מענטש.

אַזוי שרייבט דער 'מאירי' אין 'בית הבחירה' (הקדמה על הש"ס, ד"ה 'כל זה הערה', און ער טייטשט דערמיט דעם פסוק (תהלים קיט, קכו) עת לעשות לה', אַז דער מענטש וואָס איז מקיים די מצוות נאָר ווייל יעצט איז די צייט עס מקיים צו זיין, און ער איז זיך נישט מתבונן אינעם טעם פון די מצוה, איז ער אין כלל פון 'הפרו תורתך', חלילה, ווייל נישט דאָס וויל דער אויבערשטער. דער עיקר איז, 'עבדך אני הבינני' - צו וויסן און פאַרשטיין די טיפקייט פון די טעמים פון דער מצוה, און עס מקיים צו זיין מיט די גאַנצע כוונה, ווייל אויב מ'וועט עסן סתם מצה אין פסח, און זיצן

אַזוי טייטשט הרה"ק בעל 'אבני נזר' זי"ע (געברענגט אין 'שם משמואל', פ' בא תרע"ה) דעם 'דין ודברים' וואָס משה רבינו ע"ה האָט געהאַט מיט פרעה הרשע. משה האָט געזאָגט 'דרך שלשת ימים נלך במדבר וזבחנו לה' אלוקינו' (שמות ח, כג), אָבער פרעה האָט געזאָגט 'לכו זבחו לאלוקיכם בארץ' (שם, פסוק כא). משה האָט געזאָגט, איידער מיר גייען צו כדי צו דינען דעם אויבערשטען, דאַרפן מיר מאַכן אַ גרויסע הכנה, זיך רייניגן פון יעדע שלעכטע מידה, ווי מיר געפינען ביי מתן תורה, 'היו נכונים לשלושת ימים', און צו דעם האָט פרעה נישט

---

אין סוכה אין יום טוב סוכות, איז ער אַזוי ווי אַן אייזל וואָס טראָגט זיינע בינטלעך ווען מ'שניידט די תבואה, און די טרויבן ווען מ'קלויבט זיי, און די ווייץ ווען מ'מאָלט עס, און עס בלייבט גאָרנישט איבער ביי איהם פון דער גאַנצער שווערער משא.

שרייבט דער 'מאירי' ווייטער: דער מענטש זאָל נישט האָבן אַ טעות צו טאַכטן, אַז מ'מיינט מען נישט איהם וויל ער איז דאָך אַ פשוט'ער מענטש וואָס פאַרשטייט נישט בכלל די סודות און כוונות פון די מצוה. דאָס איז נישט ריכטיג, וויל יעדער איינער דאַרף אין זינען האָבן לויט זיינע השגות.

דער מענטש קען צומאָל אויסרייניגן דאָס גאַנצע הויז אין אַלע לעכער, פון יעדן ברעקל חמץ, און אַפילו אָפּרעכטן דעם 'סדר' מיט התלהבות און דביקות, און מיט דעם אַלעם, האָט ער נאָך נישט דערגרייכט די מטרה פון די מצוה און דעם רצון פון באַשעפער, און ער איז אַפילו נישט אַרויסגעגאַנגען פון זיין אייגענעם 'מצרים'. ער געפינט זיך נאָך אין אַ געפאַר ח"ו צו פאַרבלייבן 'משועבד' צו פרעה אין מצרים, וויל ער איז דאָך פאַרנומען נאָר מיט'ן טפל, און נישט מיט'ן עיקר.

עס איז באַקאַנט דער משל וואָס הרה"ק בעל 'חידושי הרי"ם' זי"ע פלעגט נאָכזאָגן (געברענגט אין ספר 'ליקוטי הרי"ם', ליקוטים, מלחמות היצר) אין נאָמען פון הרה"ק רבי שמחה בונם זי"ע פון פאשיסחא, אַ גרויסער עושר האָט געקויפט פאַר זיך אַ מעכטיגן און שטאַרקן פערד, און ער האָט באַצאָלט דערפאַר אַ גרויסן סכום געלט 'טבין ותקילין', און כדי עס אָפּצוהיטן פון גנבים, האָט ער געבויט אַ הויכע מויער אַרום דעם אָרט וואו דאָס פערד געפינט זיך. ער האָט אָבער נאָך אַלץ מורא געהאַט, אפשר וועלן די גנבים טרעפן עפעס אַ לעכל און זיי וועלן זיך אַריינכאַפּן דורך דעם לעכל, און צו'גנב'ענען דעם טייערן פערד. האָט ער געשטעלט אַ וועכטער, צו היטן די שטאַל. ער האָט זיך אויסגענומען מיט איהם מיט אַ 'תנאי קודם למעשה', אַז ער טאָר בשום-אופן נישט איינדרימלען אַפילו אויף אַ סעקונדע אין משך פון דער גאַנצער נאַכט, נאָר ער זאָל אָפּהיטן דאָס פערדל מיט אַלע כוחות. ער האָט איהם אויך באַפוילן זיך צו פאַרטראַכטן אין טיפע געדאַנקען, און אַזוי וועט ער נישט איינדרימלען.

אַלזאָ, דער וועכטער האָט גענומען אויף זיך די אַרבעט צו 'היטן' דעם שטאַל מיט'ן טייערן פערד. דער באַלעבאָס האָט אָבער נאָך אַלץ נישט געקענט שלאָפן רואיג ביינאַכט. יעדע שעה האָט ער זיך אויפגעכאַפּט אין אַ בהלה און איז אַרויס אין הויף, צו זעהן אויב דער וועכטער שטייט טאַקע אויף דער וואַך, און ער שלאָפט נישט איין. ער האָט איהם געפרעגט, וואָס ער טראַכט אין דער יעצטיגער מינוט, און דער וועכטער האָט איהם געענטפערט, אַז ער פאַרטיפט זיך אין אַ 'חקירה', אַז ווען מ'גראָבט אַ לאָך אין דער וואַנט, וואו ווערט פאַרשווינדן דער זאַמד אָדער דאָס שטיק האָלץ וואָס איז ביז יעצט געווען אין דער וואַנט, אויפ'ן אָרט וואו מ'האָט יעצט געמאַכט דעם לאָך.

דער באַלעבאָס האָט זיך געפרייט, אַז ער טראַכט וועגן עפּעס, און אַזוי אַרום, ווען ער איז פאַרטיפט אין מחשבות, שלאָפט ער דאָך נישט, און דער באַלעבאָס האָט זיך צוריקגעלייגט שלאָפן. אַ שעה שפּעטער, האָט ער זיך אָבער ווידעראַמאָל אויפגעכאַפּט, און איז ווידער אַרויסגעגאַנגען אין הויף, צו פרעגן דעם וועכטער וואָס דאָס פערד מאַכט... אויך דאָס מאָל, האָט דער וועכטער איהם געזאָגט, אַז ער טראַכט אַריין אַ 'חקירה', אַז ווען אַ מענטש עסט אַ 'בייגל', וואוהין איז פאַרשוואונדן דער 'לאָך' וואָס דער בייגל האָט פריער געהאַט...

ווען דער באַלעבאָס איז אַרויסגעקומען אין הויף אַ דריטן מאָל, און געפרעגט דעם שומר וואָס ער טראַכט יעצט, האָט ער איהם געענטפערט: איך טראַכט אַריין אַ 'חקירה', ווי אַזוי איז מעגליך אַזאַ זאַך, אַז איין מענטש האָט אַריינגעלייגט אַזוי פיל געלט און כוחות אין אַ 'פערדל', צו בויען אַ פעסטע מויער אַרום דאָס פערדל, און אַפילו געדינגען אַ מענטש צו האַלטן אַן אויג אויפ'ן פערדל... און נישט נאָר דאָס, נאָר דער באַלעבאָס אַליין שלאָפט נישט אַפילו אַ 'שינת הסוס', און קומט יעדע שעה זעהן וואָס הערט זיך מיט'ן פערדל...

מסכים געווען, און אויף דעם האָט ער געזאָגט, 'לכו זבחו לאלוקיכם בארץ', אָן קיין שום הכנה, נאָר מיט ענקער גאַנצע 'ארציות'.

**ממילא**, ווען מיר שטייען יעצט נאָנט צו דער נאַכט פונעם סדר, ווען 'לילה כיום יאיר', ווי דער זוהר הקדוש זאָגט (ח"ב לח.) אַז די נאַכט פון פסח האָט געלויכטן אַזוי ווי די טעג פון תקופת תמוז, און אלע אידן האָבן געזעהן ווי דער אויבערשטער טוט משפט'ן די מצרים, ווי דער פסוק זאָגט (תהלים קלט, יב) 'ולילה כיום יאיר כחשכה כאורה'. אויך אין די היינטיגע דורות, טוט דער אויבערשטער מאַכן לעכטיג פאַר אונז אין דער נאַכט פון פסח, ברוחניות ובגשמיות.

**ממילא** ליגט אויף אונז אַ פליכט צו אַרבעטן דערויף אַז מיר זאָלן קענען זוכה זיין צו געניסן פון די געהויבענע מראות, ווי עס שרייבט דער הייליגער קאָזשניצער מגיד זי"ע ('עבודת ישראל', לשבת הגדול) על דרך משל, אַז פונקט אַזוי ווי ווען אַ מענטש וויל אַז די שיין פון די זון זאָל אַריינקומען אין הויז, דאַרף ער פריער עפענען די טירן[יז] און פענצטער פונעם הויז, ווייל אויב זיי וועלן זיין פאַרמאַכט, וועט די זון נישט קענען אַריינשיינען אין הויז, אַזוי דאַרף דער מענטש זיך באַצייטנס צוגרייטן, כדי ער זאָל קענען באַקומען דעם גרויסן אור וואָס וועט שיינען אינעם הייליגן יום טוב[יח].

**און נאָך מער**, דורך די 'הכנה' איז מען זוכה אַז דער גרויסער אור זאָל האָבן אַ קיום, און ס'זאָל איבערבלייבן דער הייליגער רושם פון יום טוב פסח, אויפ'ן גאַנצן יאָר[יט].

**אַזוי** שרייבט דער הייליגער 'בת עין' זי"ע (פסח, ד"ה 'חכם') אויף די ווערטער וואָס מיר זאָגן אין דער הגדה של פסח, 'חכם מה הוא אומר, מה העדות

---

דער געדאַנק וואָס שטעקט אין דער 'מעשה' איז, אָפט מאָל מאַכט זיך אַז דער מענטש זאָל זיין פאַרנומען מיט פאַרשידענע געשעפטן, און ער זאָל אַפילו זיין וואַך אַ גאַנצע נאַכט, און פונדעסטוועגן פאַרגעסט ער דעם עיקר. ער פאַרנעמט זיך נאָר 'אַרום' דעם ענין, און נישט מיט דעם עיקר אַליין.

**יז.** מ'פירט זיך צו עפענען די טיר פון הויז איידער מ'פאַנגט אָן זאָגן 'שפוך חמתך', און ס'איז מקובל, אַז מ'עפענט דעמאָלס די טיר פאַר אליהו הנביא, צו קומען און אונז אויסלייזן במהרה בימינו. עס איז באַקאַנט וואָס די וועלט פרעגט, אליהו הנביא איז דאָך אַ מלאך, און ער דאַרף אַוודאי נישט אַז מיר זאָלן עפענען פאַר איהם די טיר. די טיר שטייט איהם נישט אין וועג אַריינצוקומען אין הויז...

ענטפערט דער גאון רבי חיים אלעזר וואַקס זצ"ל, דער בעל 'נפש חיה', אַז אליהו הנביא זעלבסט, דאַרף טאַקע נישט אָנקומען מיר זאָלן עפענען פאַר איהם די טיר כדי ער זאָל קענען אַריינקומען אין הויז, אָבער מיר דאַרפן עפענען די טיר, אַז 'אליהו זאָל אַריינגיין אין אונז'... אויב מיר וועלן עפענען די טירן פון אונזערע הערצער, וועט אליהו אַריינקומען און פאַרשיינען פאַר אונז די הייליגע נאַכט פון פסח, און אויב חלילה נישט...

**יח.** דער פיאַסעצנער רבי, הרה"ק בעל 'חובת התלמידים' זי"ע הי"ד, שרייבט אין אַ בריוו (פון יאָר תרצ"ט) אַז די הייליגע טעג פון פסח קומען אָן, זיי וועלן אונז הייליגן 'מבית ומבחוץ', און זיי וועלן אונז אַרומנעמען מיט זייער לעכטיגקייט, אָבער דער פסוק זאָגט (תהלים צז, יא) 'אור זרוע לצדיק ולישרי לב שמחה'. דער אור און די שמחה וואָס קומען אַראָפּ פון הימל, זענען אַזוי ווי אַ זריעה, וואָס מ'דאַרף זיך אַסאַך אָפּגעבן דערמיט, אַקערן און זייען א.א.וו., און אויך שפּעטער, באַאַרבעטן דאָס פעלד, מיסטיגן און אויסרייסן די שלעכטע גראָזן. אָן די אַלע פעולות, וועט די תבואה נישט קענען וואַקסן. אַזוי דאַרפן מיר זיך צוגרייטן פאַר יום טוב, און נישט מסיח-דעת זיין פון די קדושה פונעם יום טוב וואָס קומט אָן.

**יט.** עס שטייט אין ספה"ק 'בית אהרן' (קנד:) אויף די ווערטער 'זמן חרותנו', אַז 'חרותנו' איז פון לשון קריצן, אַזוי ווי 'חָרות על הלוחות' (שמות לב, טז). דער תכלית פונעם יום טוב איז, אַז עס זאָל ווערן 'איינגעקריצט' אין די טיפענישן פון הארץ אויף אַ לאַנגע צייט.

דער 'בית אהרן' ברענגט דאָרט אַז זיין פאָטער, הרה"ק רבי אשר סטאָלינער זי"ע, האָט געזאָגט, אַז די נאַכט פון פסח ווערט גערופן 'סדר', ווייל עס שטעלט אויס אַ 'סדר' פאַר'ן מענטש אויף אייביג, ווי אַזוי ער זאָל זיך אויפפירן, און וועגן דעם זאָגן מיר 'זכר' ליציאת מצרים, עס זאָל בלייבן אַ זכר, אַ 'זכרון' פון די השפעות פון יציאת מצרים.

והחוקים והמשפטים אשר צוה ה' אלוקינו אתכם, ואף אתה אמור לו כהלכות הפסח, אין מפטירין אחר הפסח אפיקומן', ווייל דער אריז"ל זאָגט (פרי עץ חיים, שער חג המצות, פ"א) אַז די הארות פון דער סדר-נאַכט קומען אַראָפּ פון הימל מיט אַן 'אתערותא דלעילא', אין דער בחינה פון 'דילוג' - איבערהיפּן, און יעדער איד קען דעמאָלס זוכה זיין צו גאָר גרויסע און וואונדערליכע השגות העכער ווי זיין מדריגה, און ממילא פרעגט דער 'חכם', מה העדות והחוקים - פאַרוואָס דאַרף מען מאַכן אַ הכנה צו די מצוה, און צו זיך מאַכן אַ 'כלי' צו קענען מקבל זיין די אַלע אורות? אָן קיין שום הכנה, קען מען דאָך אויך זוכה זיין דערצו.

**אויף** דעם ענטפערט מען איהם: 'אין מפטירין אחר הפסח אפיקומן', פון לשון 'אפיקו מן' (פסחים קיט:). אין לשון פון דער גמרא, קען 'מאן' אויך באַדייטן אַ כלי. אין יום טוב פסח, קען מען 'אַרויסנעמען' ('אפיקו'), אַ 'כלי'. דאָס הייסט, אין פסח זעלבסט, קען מען זיך 'אַרויסציען' פון די בחינה פון 'כלי', אַז מ'דאַרף נישט צוגרייטן די כלי צו קענען באַקומען די הימלישע אורות, אָבער נאָך פסח, 'אין מפטירין', זאָגט מען נישט 'נעמט אַרויס די כלים', ווייל אויב מ'גרייט זיך נישט צו ווי געהעריג צום פסח, וועלן נישט איבערבלייבן די געהויבענע הארות צו וועלכע מ'איז זוכה אין דער סדר-נאַכט. נאָר אויב מ'איז זיך מתבונן דורך די מצוות פונעם יום טוב, איז מען זוכה אַז עס זאָל האָבן אַ קיום[כ], און איבערבלייבן אין מענטש אַ לאַנגע צייט[כא], און דאַן איז מען זוכה אַז דער 'סדר' זאָל זיין אַ 'סדר' אויפ'ן גאַנצן יאָר[כב].

**אויך** דאַרף מען מתפלל זיין צום באַשעפער אַז מ'זאָל זוכה זיין אַריינצוגיין אינעם יום טוב ריכטיג, ווי הרה"ק בעל 'בית אברהם' זי"ע זאָגט (פ' ויקרא), אַ כוונה

---

דער 'תפארת שלמה' זאָגט (שבת הגדול), ליל שימורים הוא לה', דאָס מיינט, די נאַכט האָט אַ כח צו געבן אַ שמירה אויף אַלע נעכט פון גאַנצן יאָר, און דאָס איז דער לשון רבים, 'שימורים', וואָס גייט אַרויף אויף אַלע נעכט פונעם יאָר.

**כ.** דער וויזשניצער רבי, הרה"ק בעל 'אמרי חיים' זי"ע, האָט געזאָגט, אַז 'ליל שימורים' איז פון לשון 'שימורים', וואָס מ'לייגט אַריין אַ מאכל אין אַ פאַרמאַכטע פושקע (וואו עס קומט נישט אַריין קיין לופט) ווען מ'וויל אַז דאָס מאכל זאָל זיך האַלטן אַ לאַנגע צייט און זאָל נישט קאַליע ווערן. אַזוי דאַרף מען 'האַלטן' אין זיך און אַריינעמען אַלע אוצרות פון קדושה פון די סדר-נאַכט אויפ'ן גאַנצן יאָר.

ענליך זאָגט הרה"ק רבי לייבעלע איגר זי"ע פון לובלין ('תורת אמת'), אַז דערפאַר עסט מען אַן איי אין דער סדר-נאַכט (רמ"א או"ח סי' תעו ס"ב), מרמז צו זיין, אַז מיר זאָלן זיך אָפּלערנען פון די נאַטור פון דעם איי. דער תכלית פונעם איי איז אַרויסצוגעבן אַן 'אפרוח'. פאַקטיש, אָבער, קען דער 'אפרוח' נישט געבוירן ווערן נאָר אויב דאָס הינדל וואַרימט אָן דאָס איי, אָבער אויב מ'טוט גאָרנישט מיט'ן איי, וועט דער 'אפרוח' קיינמאָל נישט אַרויסקומען. דאָס זעלבע איז מיט יעדן איד אין יום טוב פסח, ער קען זוכה זיין צו אַסאַך השפעות אין דער סדר-נאַכט, אָבער דאָס אַלעס, נאָר מיט אַ 'תנאי קודם למעשה', אַז ער וועט אָנוואַרימען אין זיך דאָס גרויסע ליכט, עס זאָל בלייבן אַ רושם דערפון, און אָן דעם, וועט אַלעס זיין נאָר צייטווייליג, נישט מער פון דעם.

דער גערער רבי, הרה"ק בעל 'אמרי אמת' זי"ע, האָט צוגעשטעלט צו דעם ('אמרי אמת', פסח תרע"ה) די ווערטער פון דער גמרא (ביצה ב:) אַז יעדער איי וואָס ווערט געבוירן יעצט, איז שוין פאַרטיג פון נעכטן. זאָגט ער, אַז דאָס איז אַ רמז, אַז כדי דער מענטש זאָל זוכה זיין אַז דאָס איי זאָל טאַקע 'פאַרטיג ווערן' און צוקומען צו איר תכלית, דאַרף דער מענטש זיין גרייט פון נעכטן, 'מאתמול גמרה לה' (און צוליב דעם טעם, לייגט מען אַריין אַן איי אין די 'קערה', עיי"ש).

**כא.** אַזוי טייטשט דער 'שפת אמת' זי"ע (פ' בא תרנ"ט) דעם פסוק (שמות יב, לד) 'וישא העם את בצקו טרם יחמץ משארותם צרורות בשמלותם על שכמם'. דאָס וואָרט 'משארותם' קען אויך באַדייטן איבערבלייבן. איז דער פסוק מרמז, אַז ס'איז איבערגעבליבן אין זיי אַ רושם פון די מצוה. ווי אַזוי האָבן זיי זוכה געווען דערצו? איז דער תירוץ, ווייל זיי האָבן ליב געהאַט די מצוה, ווי דער מכילתא טייטשט פאַרוואָס האָבן זיי געטראָגן די איבערבלייבענישן פון די מצה אין זייערע קליידער ('בשמלותם'). זיי האָבן דאָך געהאַט בהמות? נאָר צוליב חביבות המצוה. ווייל ווען מ'טוט די מצוות מיט אַ גרויסע ליבשאַפט און גליסטונג, בלייבט איבער די הארה פון די מצוה אינעם נפש פונעם מענטש.

**כב.** די ספרים הקדושים זאָגן אַ רמז אין דעם וואָס מיר זאָגן ביים סוף פונעם סדר, 'שומרים הפקד לעירך', דער יצר הרע פירט זיך צו קומען צום מענטש דייקא נאָך זמנים פון התעוררות און התעלות, כדי איהם אַריינצוכאַפּן

אין די ווערטער פון חז"ל (פסחים ו.) 'שואלין ודורשין בהלכות החג לפני החג שלושים יום', און רבי שמעון בן גמליאל זאָגט, צוויי שבתים. זאָגט דער 'בית אברהם', 'שואלין' איז פון לשון בעטן, מ'בעט פון דעם אויבערשטען, און 'דורשין' איז אויך פון לשון פאָדערן (ווייל חז"ל זאָגן (ר"ה ל.) אויפ'ן פסוק (ירמיה ל, יז) 'ציון היא דורש אין לה' - 'מכלל דבעי דרישה'). דאָס איז מרומז אין די ווערטער 'שואלין ודורשין' - מ'זאָל מתפלל זיין אַז מ'זאָל זוכה זיין אַריינצוגיין אינעם יום טוב.

### מצות יאכל - זיכער מאַכן אַז אַנדערע האָבן מצות אויף יו"ט

**דער** פסוק זאָגט (שמות יג, ו-ז) 'שבעת ימים תאכל מצת, וביום השביעי חג לה', מצות יאכל את שבעת הימים' וגו'.

**פרעגט** דער ווילנער גאון זי"ע ('קול אליהו', פ' בא) דריי קשיות: א) פאַרוואָס זאָגט די תורה אַ דאָפּלטן לשון, וועגן עסן מצה זיבן טעג. 'שבעת ימים תאכל מצות', און 'מצות יאכל את שבעת הימים'. ב) פאַרוואָס האָט דער פסוק געטוישט דאָס לשון, פריער זאָגט ער 'תאכל', און דערנאָך זאָגט ער 'יאכל'. ג) אין ערשטן פסוק שטייט 'מצת', חסר (אָן א וא"ו), און אין צווייטן פסוק שטייט 'מצות', מיט אַ וא"ו.

**ענטפערט** דער ווילנער גאון, צוערשט זאָגט דער פסוק אַז יעדער איד דאַרף עסן מצות זיבן טעג. דאָס הייסט, ער אַליין זאָל עסן מצה. דערנאָך זאָגט דער פסוק אַז מ'זאָל זיך משתדל זיין 'מצות יאכל' - אַז די מצות זאָלן 'געגעסן' ווערן אויך דורך אַנדערע אידן. דאָס איז אַ רמז אויף דעם מנהג צו טיילן 'קמחא דפסחא' פאַר אָרימעלייט. און אויף דעם זאָגט דער פסוק, 'יאכל', וואָס איז משמע, אַז די מצה זאָל געגעסן ווערן דורך אַן אַנדערן.

**לויט** דעם פאַרענטפערט דער גאון, אַז אין ערשטן פסוק, וואו מ'רעדט וועגן דעם חיוב אַליין צו עסן מצה, זאָגט דער פסוק, 'מצת', אָן אַ וא"ו, ווייל פאַר זיך אַליין מעג מען 'פאַרפעלן' פון די סעודה... אָבער פאַר אַנדערע איז געזאָגט געוואָרן 'מצות', מלא, מ'זאָל זיי געבן אַ 'פולע' סעודה צו עסן. מ'זאָל נישט קאַרגן און זוכן צו שפּאָרן געלט, ווען עס האַנדלט זיך וועגן געבן פאַר אַ צווייטן צו עסן[כג].

**דער** 'חפץ חיים' זצ"ל שרייבט ('אהבת חסד', ח"ב, פ"ה, בהערה) אויף די ווערטער פונעם תנא דבי אליהו (רבה סוף פרק כג) אַז ווען די אידן זענען געווען אין מצרים האָבן זיי זיך צוזאַמענגענומען און געשלאָסן אַ בונד צו

---

אין זיין נעץ, און אַז ס'זאָל נישט איבערבלייבן אַ רושם פון די התרוממות הנפש צו וועלכע מ'האָט זוכה געווען אינעם יום טוב. קומט אויס, אַז די צייט איז אַ 'סכנה' דער מענטש זאָל דעמאָלס נישט פאַלן פון זיין מדריגה ח"ו. אויף דעם בעטן מיר, 'שומרים הפקד לעירך'. דאָס וואָרט 'עירך' איז פון לשון 'התעוררות'. מ'דאַרף האָבן אַ גרויסע שמירה געראַטעוועט צו ווערן פון דעם 'גזלן', דעם יצר. דער קלוגער מענטש, וואָס 'עיניו בראשו', טוט זיך גרייטן מיט א הכנה פאַר די מעשה, ווייל דורך דעם קען ער זיך ראַטעווען פון די הענט פונעם יצר הרע.

**כג.** אַזוי שרייבט הגה"ק רבי חיים פאַלאַג'י זי"ע ('צדקה וחיים', מערכת י'), 'מצת' וואָס שטייט אין דער תורה 'חסר', איז ראשי תיבות צ'דקה ת'ציל מ'מות. דאָס הייסט, איינער וואָס גיט צדקה פאַר עמיצן וואָס עס פעלט איהם, אַזאַ צדקה טוט ראַטעווען דעם געבער פון טויט. [וועגן דעם שטייט 'מצת', חסר, מרמז צו זיין אַז אויב מ'גיט צדקה פאַר עמיצן וואָס האָט נישט גענוג, ראַטעוועט עס דעם מענטש פון טויט]. צוליב דעם איז דער אות צדי"ק אינמיטן פון וואָרט 'מות' ('מצות'), ווייל די צדקה צעטיילט דעם 'מות' (מ' ת') אַז אויך אויב אַ מענטש איז חלילה חייב מיתה רח"ל, קומט דער אות צדי"ק (צדקה) און טיילט עס אָפּ.

עס דערציילט דער בעל העובדא, אַז עטליכע יאָר צוריק, האָט מען ביי איהם אין הויז אַרויסגעהאָלפן פאַר אַן אָרימע נויטווענדיגע משפחה, צוצוגרייטן דעם יום טוב פסח. מ'האָט זיי געהאָלפן באַקומען פאַרשידענע 'חלוקות', און 'קמחא דפסחא', און אַזוי ווייטער. מ'האָט אַפילו נישט געשפּאָרט באַמיאונגען ערב פסח ממש, צו שטיין צו הילף פאַר יענע משפחה.

איינמאָל פאַר פסח האָט זיין בני בית אין אַכט גענומען אַז זי זעהט נישט זייער איין-יעריגן יונגל. זי האָט איהם אַרומגעזוכט אין גאַנצן הויז, אָבער 'הילד איננו', דאָס קינד איז נישטאָ... צום סוף האָט מען איהם געטראָפן אין זיין קינדער-בעטל 'באַגראָבן' אונטער אַ באַרג פון קאָלדרעס וואָס מ'האָט דאָרט געלייגט, און דאָס קינד איז שיער דערשטיקט געוואָרן רח"ל. דאַן האָבן זיי געזעהן בחוש ווי ס'איז ביי זיי מקוים געוואָרן 'צדקה תציל ממות'...

טוהן חסד איינער מיט'ן אַנדערן, און צו היטן אין זייער האַרץ דעם בונד פון אברהם, יצחק און יעקב, און דינען נאָר דעם אויבערשטען ברוך הוא אַליין. זיי וועלן נישט פאַרטוישן די שפּראַך וואָס זיי האָבן געהערט רעדן ביי זייער פאָטער יעקב, און וועלן נישט לערנען די שפּראַך פון די מצריים, א.א.וו.

**זאָגט** דער 'חפץ חיים', ווען די אידן האָבן געזעהן אַז ס'איז נישט דאָ קיין עצה צו זיך ראַטעווען פון די גזירות פון פרעה, און דער שיעבוד ווערט שטאַרקער פון טאָג צו טאָג, האָבן זיי זיך פאַרזאַמלט און געטראַכט אַן עצה וואָס צו טוהן. זיי האָבן אָפּגעשמועסט צו זיך האלטן פעלזן פעסט אין די וועגן פון דעם אויבערשטען, און נישט ענדערן זייערע נעמען און זייער שפּראַך. אויך האָבן זיי געמאַכט אַ בונד צו טוהן חסד איינער מיט'ן אַנדערן, און דורך דעם זאָל נתעורר ווערן אין הימל די חסד פון דעם אויבערשטען אויף זיי, און ממילא וועלן צום סוף בטל ווערן די גזירות פון פרעה הרשע.

**דער** סוף איז טאַקע געוועזן אַזוי, אַז די גמילות חסדים וואָס זיי האָבן געטוהן איינער מיט'ן אַנדערן, איז געוועזן די סיבה פאַר די גאולה, אַזוי ווי דער פסוק זאָגט (שמות טו, יג) 'נחית בחסדך עם זו גאלת, נהלת בעזך'. זאָגט דער 'פסיקתא' (געברענגט אין ילקוט, פ' בשלח, רמז רנא) 'נחית בחסדך', מיינט מען אַז זיי האָבן געטוהן חסד איינער מיט'ן אַנדערן. אין דעם זכות, 'עם זו גאלת' - האָט דער אויבערשטער זיי אויסגעלייזט פון מצרים.

### על ביעור חמץ - מבער זיין דעם שאור שבעיסה

**אויף** צוויי זאַכן טוהן חז"ל זיך באַנוצן מיט'ן לשון 'שאור שבעיסה'. דאָס וואָס מ'זוכט ווען מען איז בודק חמץ, 'שאור שבעיסה'. און אַזוי אויך רופן חז"ל אָן דעם יצר הרע מיט דעם נאָמען (ברכות יז.).

**זאָגט** הגה"צ רבי ירוחם זצ"ל פון מיר ('דעת חכמה ומוסר', ח"א, מאמר לז), לויט דעם איז פאַרשטענדליך אַז ווען מ'האָט אונז באַפוילן צו בודק חמץ זיין[כד], האָט מען דערמיט אונז באַפוילן צו אַרויסרוימען דעם יצר הרע פון זיך. דעריבער זענען טאַקע זייער פּאַסיג אַלע דינים פון בדיקה, דער 'בל יראה ובל ימצא', דער איסור 'במשהו', און לויט דעם איז פאַרשטענדליך וואָס מ'זוכט אַזוי פיל און מ'איז בודק אין יעדן לעכל אַז עס זאָל זיך דאָרט נישט געפינען אפילו אַ שמץ און אַ משהו פונעם 'שאור שבעיסה'...

**מורא'דיגע** ווערטער, שטייט אין ספה"ק 'בת עין' (דרוש לפסח, פ' מצורע) וועגן די סגולה פון דער צייט פון ביעור חמץ, צו ווערן נאָענט צום באַשעפער ברוך הוא. דער 'בת עין' שרייבט, אַז מ'קען זאָגן אַז דאָס איז דער ענין פון ערב פסח אין די זעקסטע שעה...

---

**כד.** הג"ר שלמה אלכסנדרי סופר זצ"ל, האָט דערציילט (געברענגט אין ספר 'מכתב סופר', ח"א, קיא. בהג"ה), אַז זיין פאָטער, דער גאון רבי שמעון סופר זצ"ל אבד"ק קראָקא, פלעגט זיין זייער בשמחה בשעת ער האָט מקיים געווען די מצוה פון בדיקת חמץ אין הויז. ער פלעגט אָנטוהן די שבת'דיגע בגדים, און זיין פנים האָט ממש געלויכטן פון שמחה. אויך האָט ער זייער שווער געאַרבעט און זיך באַמיט ביים בודק-חמץ זיין, און ער אַליין האָט אַרייגעלייגט דעם קאָפּ אין אַ שטייג פון הינער וואָס האָט זיך געפונען אין הויף, כדי צו זעהן אויב עס איז דאָ דאָרט אַ ברעקעלע חמץ.

רבי שמעון סופר פלעגט נאָכזאָגן פון זין טאַטן דעם הייליגן 'חתם סופר' זי"ע, אויף דעם וואָס מיר זאָגן אין די הגדה, אַז מכת בכורות אין מצרים איז געווען 'לא על ידי מלאך ולא על ידי שליח', נאָר דער אויבערשטער בכבודו ובעצמו איז אַראָפּגעגאַנגען קיין מצרים צו שלאָגן די בכורים, איז דאָך אַוודאי און אַוודאי אַז מיר זענען מחויב זיך אַליין צו באַמיען ביי בדיקת חמץ, און נישט דורך אַ שליח.

ווען אא"ז הרה"ק רבי משה מרדכי מלעלוב זי"ע איז שוין געווען אויף דער עלטער, איז איינער פון זיינע שוועסטערס געקומען איהם באַזוכן, זעהן וואָס ער מאַכט. האָט דער רבי איר געפרעגט אויב זי געדענקט ווי אַזוי עס האָט אויסגעזעהן אַ 'בדיקת חמץ' אין די פריערדיגע יאָרן (אין די יאָרן ווען זייער פאָטער, הרה"ק רבי שמעון נתן נטע זי"ע, האָט געוואוינט אין חוץ לארץ, און זיי האָבן זיך געפונען אין ארץ ישראל, ביים זיידן דער לעלוב'ער רבי הרה"ק רבי דוד'ל בידערמאַן זי"ע, פלעגט אא"ז רבי משה מרדכי מאַכן די בדיקה אין הויז פון זייער פאָטער, הרה"ק רבי שמעון). די בדיקה האָט געדויערט אַ גאַנצע נאַכט, מיט אַסאַך טרערן...

וואָס עס איז דער 'זמן ביעור לכל'. אויב דער מענטש טוט תשובה שלימה פאַר'ן אויבערשטען ברוך הוא, און ער איז מבער און מבטל אין האַרץ אַלע זיינע מעשים, איז דעמאָלס אַן עת רצון פאַר דעם אויבערשטען ברוך הוא, מער ווי אַ גאַנץ יאָר, און 'הבא ליטהר מסייעין אותו'[כה]. און דעריבער, אין די זעקסטע שעה, ווען עס ווערט אָפגעשטעלט דער ענין פון חמץ, וואָס איז מרמז אויפ'ן יצר הרע, און דאַן הייבט זיך אָן דער ענין פון מצה, וואָס איז אַ רמז אַז יעדער מענטש וואָס וויל אַריינקומען אין די קדושה (דורך תשובה), קען אַריינגיין, ווייל דעמאָלס איז אַן עת רצון[כו].

**דער** גאון רבי עקיבא איגר זצ"ל שרייבט אין אַ בריוו (מכתבי רעק"א, יב.) בזה הלשון: אויך דאַרף מען

---

**כה.** צדיקים האָבן געזאָגט, אַז אין דעם צייט איז מען מבער אלע די שלעכטס פון דער וועלט, און עס בלייבט איבער אַ ריינע לופט אויף דער וועלט, ריין פון יעדן סאָרט שמוץ. דער זמן איז אויך מסוגל מ'זאָל דעמאָלס מתפלל זיין צום באַשעפער.

אויך ביי שריפת חמץ, האָט מען ביי אַסאַך צדיקים געזעהן אַ גרויסע עבודה. די משמשים פון בעלזער רב הרה"ק מהר"א זי"ע דערציילן, אַז ביי שריפת חמץ האָבן גערינען טרערן פון זיינע הייליגע אויגן, אַ זאַך וואָס מ'האָט נישט געזעהן ביי איהם אין די אַנדערע טעג פון יאָר (אויסער ווען ער האָט געזאָגט דעם 'קרובץ' פון פורים).

אין די מנהגים פון דזשיקוב ווערט געברענגט, אַז ביים פאַרברענען דעם חמץ, האָט דער 'עטרת ישועה' זי"ע, זיך געפירט צו זאָגן די 'תפילה' פון הייליגן רבי'ן ר' אלימלך זי"ע פון ליזענסק.

אגב, עס איז באַקאַנט דער הייליגע בריוו פון הגה"ק רבי שמשון אָסטראָפּאָלער זצ"ל הי"ד, וועלכע איז כדאי אַז יעדער איינער זאָל אַדורכלערנען דעם בריוו כאָטש איינמאָל אַ יאָר, ערב פסח, און אַזוי איז מען זוכה צו אַ שמירה יתירה איבער דעם גאַנצן יאָר. (כאָטש אויפ'ן ערשטן אויגנבליק, איז דער בריוו אומפאַרשטענדליך פאַר אנשים כערכינו, פונדעסטוועגן, דאַרף מען זיך איבערשטרענגען אַריינצוקוקן אין דעם בריוו, און ווען מ'לערנט דעם בריוו מיט מתינות און ישוב הדעת, זעהט מען קלאָר אַז מ'קען יאָ פאַרשטיין די הייליגע ווערטער פון רבי שמשון אסטראפאלער זי"ע בדרך הפשט.)

הגה"ק רבי שמשון אָסטראָפּאָלער זצ"ל הי"ד, האָט פאַרזיכערט, אַז יעדער איינער וואָס וועט אַדורכלערנען זיין בריוו יעדעס יאָר, ספּעציעל אין די טעג פון ערב פסח, וועט געראַטעוועט ווערן אין לויף פונעם יאָר, פון יעדן מכשול און מיתה משונה און פון יעדן אונס. זיינע פיינט וועלן פאַלן אונטער זיינע פיס, און ער וועט מצליח זיין וואו ער וועט זיך נאָר ווענדן.

דער ערלויער רב, כ"ק אדמו"ר רבי יוחנן סופר זצ"ל, האָט דערציילט, אַז אין די ביטערע צייטן פון די צווייטע וועלט מלחמה, איז ער אַמאָל אין חודש אלול געווען אין אַ גרויסע סכנה, אַזוי אַז עס האָט ממש געפעלט אַ האָר צווישן איהם און דעם מלאך המוות רח"ל. פלוצלינג, האָט ער זיך דערמאַנט אַז ער האָט יענעם יאָר נאָך נישט געלערנט דעם בריוו פון רבי שמשון אָסטראָפּאָלער. איז ער שנעל אַריבערגעגאַנגען אין אַ זייט און האָט אַדורכגעלערנט דעם בריוו. זינט דאַן האָט ער געהאַט סייעתא דשמיא אויף יעדן טריט און שריט, ביז ער איז באַפרייט געוואָרן פון די ביטערע לאַפּעס פון די נאַציס ימ"ש.

אויך האָט דער ערלויער רב דערציילט, אַז זיין זיידע, דער גאון רבי שמעון סופר זצ"ל הי"ד, בעל "התעוררות תשובה" (און זון פון דעם גאון בעל "כתב סופר" זצ"ל), וועלכער איז אַלט געווען 94 יאָר ווען ער איז אומגעקומען על קידוש השם אין אוישוויץ אין שנת תש"ד, פלעגט יעדעס יאָר מקפיד זיין אַדורכצולערנען דעם בריוו פון רבי שמשון אסטראפאלער. אין לעצטן יאָר פון זיין לעבן, האָט ער נישט באַוויזן אַדורכצולערנען דעם בריוו, און אין יענעם יאָר איז ער נסתלק געוואָרן לחיי העולם הבא, אומקומענדיג אויף קידוש השם אין אוישוויץ, הי"ד.

**כו.** אין דער צייט פון הרה"ק רבי אהרן טשערנאָבילער זי"ע, האָט די מלכות הרשעה אין רוסלאַנד גוזר געווען אַ שווערע גזירה רח"ל אויף אידן. ווען די עסקנים האָבן זיך אינטערעסירט וואָס מ'קען טוהן בטל צו מאַכן די גזירה, האָבן זיי אויסגעפונען אַז מיט 'שוחד' - אונטערשמירן ווערמען מ'דאַרף... - קען מען בטל מאַכן די גזירה. האָט איינער פון די עסקנים געשיקט אַ שליח בעטן פון הרה"ק רבי אהרן טשערנאָבילער, ער זאָל איהם העלפן צוזאַמענעמען געלט ביי די פילע טשערנאָבילער חסידים. צו זיין גרויסן וואונדער, אָבער, האָט רבי אהרן זיך נישט צו טוהן געמאַכט פון זיין בקשה, אויך נאָך דעם ווי ער האָט געשיקט מערערע בריוון און שלוחים וואָס זאָלן

דערמאנען איבער דעם ענין פון ערב פסח, אַז אין דער צייט ווען אידן האָבן געוואוינט אין ארץ ישראל, האָבן מיר געהאַט אַ פרייליכן יום טוב, מיט שחט'ן דעם קרבן פסח און זאָגן הלל, און יעצט איז ליידער צוליב אונזערע זינד, דאַרף מען כאָטש מאַכן אַ זכר דערצו און אָנהאַלטן די קדושה פונעם טאָג, מורא צו האָבן און עוסק צו זיין אַ גאַנצן טאָג אין די מצוות פון ביעור און ביטול חמץ, און צוצוגרייטן דעם סדר, עכ"ל.

פון די ווערטער פון רבי עקיבא איגר לערנען מיר דעם באַדייט פון 'וגילו ברעדה'. פון איין זייט, איז עס אַ צייט פון שמחה, צוליב דעם וואָס מ'איז דעמאָלס מקריב דעם קרבן פסח[כז], און פון דער אַנדערער זייט, דאַרף מען ציטערן מיט אַ הייליגן ציטער, דורכ'ן ביטול און ביעור חמץ וואָס מ'איז מקיים "כפשוטו", און "כמדרשו", וואָס חז"ל דרש'ענען אַז עס איז מרמז אויף אויסרייסן דעם יצר הרע פונעם מענטשן'ס האַרץ[כח].

---

דערציילן פאַר'ן רבי'ן וועגן די גזירה, און אַז מ'מוז אַרבעטן בטל צו מאַכן די גזירה וואָס פריער, האָט דער רבי איגנאָרירט אַלע בקשות.

זעהענדיג אַז רבי אהרן קימערט זיך נישט איבער די גזירה, האָט דער דערמאנטער 'עסקן' זיך געוואָנדן צו זיין יונגערן ברודער, הרה"ק רבי איציקל סקווערער זי"ע, וועגן די צרה וואָס שוועבט אויף אידישע קעפּ, און ער האָט איהם געבעטן ער זאָל איהם אַרויסהעלפן אין זיינע באַמיאונגען צו איבערציייגן זיין עלטערן ברודער אין דער וויכטיגקייט פון 'שמירן' די באַהערדע, אָבער אויך די השתדלות'ן פונעם סקווערער רבי'ן האָבן נישט געהאָלפן 'אָנצוואוארימען' דעם טשערנאָבילער רבי'ן.

יענעם יאָר ערב פסח, איידער הרה"ק רבי אהרן טשערנאָבילער האָט גענומען אין האַנט דאָס ערדענע פלעשל מיט'ן חמץ כדי עס אַריינצוּוואַרפן אין פייער, האָט ער געזאָגט:

- ס'זענען דאָ מענטשן וואָס מיינען, אַז מיט געלט מאַכט מען בטל גזירות. זיי האָבן אַ טעות. נאָר יעצט, ביים פאַרברענען דעם חמץ, קען מען בטל מאַכן אַלע שלעכטע און אכזריות'דיגע גזירות... ווי מיר זאָגן אין 'יוצר' פון שבת הגדול, 'ולמה אכילת חמץ לשש שעות, זכר לחפזון שכינה להעביר גזירות רעות'.

שפּעטער האָט מען געהערט, אַז ממש יענע שעה ווען דער הייליגער טשערנאָבילער האָט פאַרברענט דעם חמץ, האָט דער רשע, דער גובערנאַטאָר ('גאָווערנאָר' בלע"ז) פונעם ראַיאָן וואָס האָט אַרויסגעגעבן די גזירה, גע'פּגר'ט אויף אַ וואונדערליכן אופן, און די גזירה איז בטל געוואָרן.

מיר געפינען אַ וואונדערליכן מקור דערצו, אין 'תרגום שני' (אסתר ג, ז), אַז אַ חלק פונעם 'לשון הרע' וואָס המן הרשע האָט גערעדט ביי אחשוורוש אויף אידישע קינדער, איז געווען אַז זיי 'פאַרברענען דעם חמץ, און זיי זאָגן, אַז פונקט ווי דער דאָזיגער חמץ ווערט פאַרברענט, אַזוי זאָל פאַרברענט ווערן דער מלכות הרשעה פון צווישן אונז, און מיט דעם ווענלן מיר האָבן אַ ישועה פון דעם 'מלך טיפש', אַזוי ווי מיר זענען אויסגעלייזט געוואָרן פון פּרעה אין מצרים'.

**כז.** דער הייליגער 'קדושת לוי' זי"ע זאָגט (דרושים לחנוכה, ד"ה 'איתא'), אַ טעם פאַרוואָס מ'שעכט דעם קרבן פסח דעם פערצענטן טאָג אין חודש ניסן, און מ'האַלט עס אַ יום טוב, כאָטש לכאורה וואָלט מען מן הדין געדאַרפט שחט'ן דעם קרבן פסח דעם פופצענטן טאָג אין חודש, וויבאַלד דער קרבן קומט דאָך אויפ'ן נס פון יציאת מצרים, וואָס איז געווען אין פופצענטן טאָג.

ענטפערט דער באַרדיטשובער רב מיט אַ משל, אַ גרויסער און מעכטיגער קעניג האָט געטיילט מתנות פאַר די מענטשן פון לאַנד, וואָס ס'זענען דאָ מענטשן וואָס פרייען זיך מיט די עצם מתנה, אָבער אַ קלוגער מענטש פרייט זיך צוליב צוויי סיבות: א) די עצם מתנה. ב) וואָס דער גרויסער קעניג האָט איהם ליב, און ער וויל איהם דעריבער געבן אַ מתנה.

דאָס זעלבע איז מיט אונז, דער אויבערשטער האָט אונז געטוהן עטליכע טובות מיט'ן אונז אַרויסנעמען פון מצרים. א) דאָס עצם אויסגעלייזט ווערן פון מצרים, וואָס איז געקומען נאָר מיט אַן 'אתערותא דלעילא' און ווי אַ 'מתנת חינם'. ב) אַז אַזאַ גרויסער און פאָכטיגער קעניג האָט אונז אַרויסגענומען פון מצרים, ווי מיר זאָגן אין דער הגדה של פסח 'אני ולא מלאך' וכו'. דאָס אַלעס איז געווען צוליב אונזער גרויסע ליבשאַפט ביים אויבערשטען ברוך הוא, ווייל דער קעניג גליסט אין אונז. און וויבאַלד מיר ווייסן דאָך אַז 'אין מערבין שמחה בשמחה' - מ'טוט

## ליל התקדש החג - יעדער איד איז בכח אין די נאַכט צו ווערן אַ אַנדערער מענטש

**עס** שטייט אין ספה"ק 'ישמח ישראל' (הגדה של פסח, אות יא, אין נאָמען פון זיין פאָטער, הרה"ק רבי יחיאל פון אלכסנדר זי"ע), אַז מ'זאָל נישט זאָגן אַז מיט'ן 'רשע' פון די הגדה מיינט מען אַ 'רשע גמור', נאָר די כוונה איז, איינער וואָס איז זיך מייאש פון תשובה, ער מיינט אַז ער האָט שוין נישט קיין האָפענונג, און ער האָט שוין נישט אַ חלק ונחלה אין כלל ישראל. אויף דעם זאָגט מען, אַז ער איז אַ 'כופר בעיקר' - ווייל ער שליסט זיך אויס פון כלל ישראל. דאַרף מען איהם ענטפערן: 'בעבור זה עשה ה' לי בצאתי ממצרים'. אויך יעדער איינצלנער יחיד איז אין דעם כלל, ווייל אויך אין מצרים זענען אידישע קינדער ליידער געווען פאַרזינקען אין די מ"ט שערי טומאה, און פונדעסטוועגן האָט דער אויבערשטער זיי אויסגעלייזט און אַרויסגענומען זיי 'מאפילה לאור גדול'.

**אויך** יעצט, יעדער איד ביי זיין סדר, איז מחויב צו גלייבן און צו זאָגן, בעבור זה עשה 'לי' דייקא, ווייל אויך היינט קען מען אין דער נאַכט פון פסח אַרויסגיין מאפילה לאור גדול, אַפילו איינער וואָס געפינט זיך ליידער אין אַ גאָר נידעריגן מצב[כט].

**דער** מענטש זאָל זיך נישט איינרעדן, אַז דאָס וואָס מ'גייט אַרויס אין דער נאַכט פון פסח 'מאפילה לאור גדול', איז געזאָגט געוואָרן נאָר ווענגן גרויסע צדיקים, אָבער פאַר אונז איז דאָס אַלעס נישט שייך, ווייל דאָס איז נישט ריכטיג, ווי עס שטייט אין 'בית אהרן' (לפסח,

---

נישט אויסמישן אין שמחה מיט אַ צווייטע שמחה, האָט דער אויבערשטער באַפוילן מ'זאָל שחט'ן דעם קרבן פסח אין פערצענטן טאָג פון חודש ניסן. קומט אויס, אַז דער עיקר פון די שמחת יום טוב וואָס מיר פראַווען ערב פסח, איז דערפאַר ווייל דער אויבערשטער האָט אונז דעמאָלס אויסגעוויילט אַלס זיין פאָלק: 'אתה בחרתנו מכל העמים אהבת אותנו ורצית בנו'.

**כח.** מיר האָבן געהערט פון אַ איד וואָס איז געווען ביי שריפת חמץ ביים וויזשניצער רבי'ן, הרה"ק בעל 'ישועות משה' זי"ע, און אויפ'ן וועג גייענדיג צו שריפת חמץ, האָט דער רבי געזאָגט: 'די גאַנצע עבודה פון היינטיגן טאָג איז מיט פייער. מ'איז בודק חמץ מיט אַ לעכט, דעם חמץ פאַרברענט מען אין פייער, און מ'באַקט די מצות לכבוד יום טוב אין אַן אויוון וואו ס'איז דאָ אַ פייער... דאס איז די עבודה פונעם טאָג, אַ הייליגן פלאם פייער.

**כט.** דער אַלטער אלכסדר חסיד, ר' משה בוים ז"ל, האָט דערציילט, אַז אין אלכסנדר פלעגן אַלע חסידים זיך באַטייליגן ביים סדר וואָס דער רבי, הרה"ק בעל 'ישמח ישראל' זי"ע, האָט געפירט (יעדער איינער האָט געהאַט אַ ספּעציעלן 'קיטל', מיט גרויס טאַשן פאַר די מצות און פאַר'ן ווייַן וואס מ'האט זיך מיט געברענגט). יעדעס יאָר ווען דער 'ישמח ישראל' איז אַריינגעקומען אָפּרעכטן דעם 'סדר', איז זיין הייליג פנים געווען ווייס ווי קאַלך, און אַ 'חרדת אלוקים' האָט אַרומגענומען דעם גאַנצן עולם - אַ ציטער וואָס מ'קען עס גאַרנישט שילדערן. דער 'ישמח ישראל' איז צוגעגאַנגען צום אויבנאָן, מסדר געווען די קערה, און אויסגעשריגן הויך אויפ'ן קול, 'ליל התקדש חג', איינמאָל און נאָך אַמאָל, ביז זיין פנים האָט געפלאַקערט מיט אַ 'שלהבת אש קודש'. און ער האָט געזאָגט:

- אַ איד וואָס גלייבט נישט אַז היינטיגע נאַכט גייט מען אַרויס פון דער נידעריגסטער בחינה ביז די העכסטע מדריגה, איז ער דער רשע וואָס די הגדה מיינט!

דאַן איז דאָס בלאַסע פנים פונעם 'ישמח ישראל' געוואָרן 'רויט ווי פייער'. ער האָט געזעצט אויפ'ן טיש, אַזש אַז אַלע כלים האָבן זיך געשאָקלט פונעם שטאַרקן זעץ.

אַ חשוב'ער איד האָט אונז מעורר געווען, אַז מיר געפינען נאָך אַ וואונדערליכן לימוד אין די ווערטער פון 'ישמח ישראל', ביי דעם וואָס ער שרייבט, אַז אויך דער וואָס איז ליידער שוין אין שאול תחתיות, ווערט נאָך נישט אָנגערופן דער 'רשע' פון דער הגדה. ער ווערט אַזוי גערופן, נאָר אויב ער איז זיך מייאש פון זיין מצב, און ער גלייבט נישט אַז ער קען אַרויסגיין פון דאָרט אין דער דאָזיגער נאַכט. אַזאַ איינער קען גערעכנט ווערן ווי דער 'רשע' פון דער הגדה.

עס שטייט אין ספה"ק 'ישמח ישראל' (לשבת חול המועד, ד"ה 'הנה אמרו חז"ל'), שבת חול המועד פסח זאָגן מיר אין דער הפטורה וועגן די 'טריקענע ביינער' ('עצמות היבשות') וואָס יחזקאל הנביא האָט לעבעדיג געמאַכט, און דער 'טור' (או"ח סי' ת"צ) ברענגט אין נאָמען פון רב האי גאון, אַז אין יום טוב פסח, וועט זיין 'תחיית המתים'.

פה:) אַז דער וואָס דינט דעם אויבערשטען באמת, קען נעמען פון די סדר-נעכט גאָר אַסאַך סיי ברוחניות, און סיי בגשמיות. און נישט דווקא גרויסע מענטשן, נאָר אַפילו פאַרגרעבטע מענטשן, 'פחותי ערך', יעדער איינער קען נעמען לויט זיין מדריגה, און מ'דאַרף אין דעם גלייבן און מעורר זיין דאָס האַרץ מיט תשובה, כדי זיך צו דערנענטערן צו דעם אויבערשטען ברוך הוא, עכ"ל.

**מ'קען** זאָגן אַ רמז דערויף אין פסוק (שמות יט, ד) 'ואשא אתכם על כנפי נשרים'. דער אָדלער איז אַ טמא'נער פויגל, און פונדעסטוועגן, האָט דער אויבערשטער צוגעגליכן די אויסלייזונג פון מצרים, צום טראָגן אויף אַן אָדלער, כדי אונז צו לערנען אַז אויך איינער וואָס איז טמא געוואָרן מיט עבירות ח"ו, קען זיך דערנענטערן צו דעם אויבערשטען ברוך הוא, 'ידו פשוטה לקבל שבים' - דעם אויבערשטען'ס האַנט איז אויסגעשטרעקט, אָנצונעמען די מענטשן וואָס ווילן תשובה טוהן[ל].

**אויך** דער 'חתם סופר' זי"ע זאָגט אַזוי (דרשות לפסח, שנת תק"פ, בתחילתו), אַז פונקט אַזוי ווי יעדער איינער איז מחויב צו זעהן זיך אַליין ווי ער איז אַרויסגעגאַנגען פון מצרים, אַזוי דאַרף דער מענטש זיך זעהן גלייך ווי ער איז געווען פון די מענטשן וואָס האָבן געדינט עבודה זרה. 'ועכשיו' - און יעצט! האָט דער אויבערשטער איהם דערנענטערט צו זיך. און היינט ביינאַכט האָט ער אָנגעהויבן דינען דעם באַשעפער אין אָנהייב, מיט די מצוות וואָס זענען גילטיג אין דעם נאַכט.

**גאָר** הערליך זאָגט דער 'חתם סופר', לויט דעם, אַ טעם פאַרוואָס אין דער הגדה של פסח, ביים סוף פון 'מגיד', זאָגט מען די ברכה 'אשר גאלנו'. כאָטש ביי אַלע מצוות האָבן מיר אַ קיימא-לן אַז מ'דאַרף מאַכן די ברכה איידער מ'איז מקיים די מצוה ('עובר לעשייתן'), ווייל אַזוי ווי מיר געפינען ביי אַ גר, אַז ער מאַכט אַ ברכה בשעת ער טובל'ט זיך לשם גירות, ווייל פריער קען ער נישט מאַכן די ברכה, ווייל ער איז דאָך אַ גוי, און אַזוי זענען מיר צוגעגליכן צו אַ גר וואָס איז זיך יעצט מגייר, און נאָר נאָך סיפור יציאת מצרים, ווערן מיר גערעכנט אַזוי ווי אידן, און דאַן קען מען מאַכן די ברכה (ס'איז כדי צו זעהן דאָרט אין 'חתם סופר', וואָס ער פאַרענטפערט דערמיט אויך אַנדערע קשיות).

**אַט** דאָס איז דער עיקר משמעות פונעם נאָמען פון דעם יום טוב 'פסח', פון לשון איבערהיפן און אַריבערשפרינגען, כדי אונז צו לערנען, אַז יעדער איינער

---

זאָגט דער 'ישמח ישראל', אַז די 'עצמות יבשות' זענען מרמז אויף די מענטשן וואָס פאַלן אַריין אין יאוש. זיי זאָגן, אונזערע ביינער זענען פאַרטריקנט און אונזער האָפענונג איז פאַרלוירן. מיר האָבן מער נישט אַ חלק ונחלה אין אונזער טאַטע אין הימל' ח"ו. באמת איז אָבער נישט אַזוי, נאָר דאָס עצמיות פון יעדן איד לעבט. מ'דאַרף עס נאָר אויפלעבן...

דער 'ישמח ישראל' שרייבט דאָרט, אַז דער הייליגער יום טוב פסח איז מסוגל עס אויפצולעבן, ווי מיר זאָגן (פיוט לפרשת החודש), 'אמיץ לעורר מרדם ישנים'.

**ל.** דער רוח טהרה וואָס קומט אַראָפּ פסח ביינאַכט אויף אידישע קינדער, איז אַזוי גרויס, אַז די פוסקים (ט"ז ומג"א או"ח סי' תע"ב סק"ב) ברענגען די ווערטער פונעם מהרי"ל (הלכות סדר ההגדה, ע' פח) אַז פסח ביינאַכט, מעג מען זיך באַנוצן ביים סדר-טיש מיט משכונות פון גוים, און זיך פרייען ווען מ'קוקט דערויף. די פוסקים וואונדערן זיך דערויף, ווייל כאָטש מצד הדין איז נישט דאָ קיין איסור הנאה צו האָבן פון דעם וואָס זיי ליגן אויפ'ן טיש, אָבער מסברא, איז אַוודאי נישט ראוי מ'זאָל אַרויפלייגן אַ טמא'נע זאַך וואָס געהערט צו אַ גוי, אויף אַ קעניגליכן טיש, זה שלחן הסדר אשר לפני ה'.

ענטפערט דער 'חתם סופר' זי"ע ('דרשות חתם סופר', לשבת הגדול, ח"ב, דף רנה), אַז אין דער נאַכט פון פסח האָט דער אויבערשטער משפיע געווען קדושה אויף אידישע קינדער, ביז אַלע כוחות הטומאה זענען בטל געוואָרן אין תתק"ס חלקים פון קדושה (תתק"ס - 960 - איז דער שיעור פון אַ מקוה, און דאָס האָט מטהר געווען די כלים). צוליב דעם מעג מען פסח ביינאַכט זיך באַנוצן מיט משכונות פון גוים, ווייל חז"ל זאָגן דאָך, אַז יעדער מענטש דאַרף יעדעס יאָר זיך אַליין זעהן ווי ער גייט אַרויס בפועל ממש. ממילא קומט אויס, אַז ער שטייט אויף יענעם אָרט און אין יענער צייט. וועגן דעם, אויך יעצט, בזמן הזה, האָבן די כוחות הטומאה נישט קיין שליטה.

איז בכח אַרויפצושפּרינגען אַסאַך מדרגות[לא], פיל מער ווי ער איז בכח צו שטייגן במשך פונעם גאַנצן יאָר[לב].

### ליל שימורים לדורותם - שוין משנים קדמוניות איז דער נאַכט אַ זמן פון ניסים

**ווער** קען דען שילדערן און באַשרייבן די גרויסע הארה און שפע וואָס קומט אַראָפּ אויף דער וועלט אין דער הייליגער נאַכט פון פסח, אויף אַזוי וויט, אַז דער אויבערשטער כביכול אַליין לאָזט איבער אַלע זיינע באַשעפטיגונגען און ער ווענדט זיך צו אונז, צו טוהן מיט אונז ניסים כבימים ההם בזמן הזה.

**אַזוי** שטייט אין מדרש (פנים אחרים, נוסח ב פ"ו) "אלוקיה של אומה זו עסוק הוא להיות עושה להם נסים בלילה הזאת", דער באַשעפער פון די אידן איז פאַרנומען צו מאַכן פאַר זיי ניסים אין דער הייליגער נאַכט פון פסח.

**דער** "תרגום יונתן" זאָגט (פ' תולדות) אויפ'ן פסוק (בראשית כז, א) "ויהי כי זקן יצחק ותכהין עיניו מראות", אַז יענע נאַכט האָט יצחק אבינו ע"ה אַריבערגערופן זיין עלטערן זון עשו, אין 14'טן טאָג פון חודש ניסן, און ער האָט איהם געזאָגט: "מיין קינד, אין דער דאָזיגער נאַכט לויבן אַלע באַשעפענישן אין הימל דעם באַשעפער פון דער וועלט, און עס ווערן געעפענט אין דער נאַכט אוצרות פון טל, און די אוצרות פון הימל ווערן געעפענט"[לג].

**דער** קאָזשניצער מגיד זי"ע זאָגט אין "גבורות ישראל" אויף די הגדה של פסח, "בכל דור ודור חייב אדם לראות את עצמו כאילו הוא יצא ממצרים", אַז עס איז דאָ אַן "אופן בתוך אופן" פאַר יעדן איד, צו טוישן זיין מזל פון שלעכטן צום גוטן וכו', און דאָס מיינט "יציאת מצרים, אַז מען גייט אַרויס פון די גרעניצן צום גוטן ("מצרים" איז פון לשון "מֵצָרים" - באַגרעניצונגען און

---

**לא.** דאָס איז מרומז אין דעם וואָס מיר עסן דעם 'כרפס'. אַ גאַנץ יאָר איז דער 'כרפס' באַהאַלטן אונטער דער ערד, און נאָר די 'בלעטער' קומען אַרויס פון אויבן. פונדעסטוועגן, נעמט מען עס אַרויס פסח ביינאַכט פון דער ערד, און ער ווערט אַ 'חפצא של מצוה', אַרויפצוקומען אויפ'ן 'שלחן מלכים' - ביים קעניגליכן טיש פונעם סדר. אַזוי איז יעדער איינער בכח אויפצוהייבן זיך פונעם טיפסטן גרוב, צו די העכסטע מדריגות און שטאַפּלען.

דער גערער רבי, הרה"ק בעל 'בית ישראל' זי"ע, פלעגט זאָגן וועגן דעם 'רעטעך' וואָס מ'נעמט פאַר 'כרפס': 'אַ גאַנץ יאָר ביזטו געווען אַ רעטעך', און יעצט האָסטו זוכה געווען נתעלה צו ווערן און צו זיין אויפ'ן סדר-טיש. דאָס זעלבע איז געזאָגט געוואָרן פאַר אונז, אַז אויך איינער וואָס איז נישט ווערד מער ווי אַ 'רעטעך', קען זיך דערהייבן אין דער הייליגער נאַכט.

**לב.** די ראשונים שרייבן (רשב"ם, פסחים צט:) אַז חז"ל האָבן מתקן געווען צו טרינקען פיר כוסות וויין אין דער סדר-נאַכט, אַלס אַ זכר צו די פיר לשונות פון גאולה וואָס דער אויבערשטער האָט געזאָגט צו די אידן אין מצרים: והוצאתי, והצלתי, וגאלתי, ולקחתי.

זאָגן די אחרונים, אַז פונדעסטוועגן, דאַרף מען פאַרשטיין פאַרוואָס האָט מען מתקן געווען צו נעמען דווקא וויין, און מ'האָט נישט געהייסן נעמען פיר מצות, וכדומה.

האָט דער גאון און פוסק רבי שלמה זלמן אויערבאַך זצ"ל געזאָגט, ביי יעדן לשון פון גאולה וואָס דער אויבערשטער האָט געזאָגט צו די אידן, האָבן די אידן זוכה געווען צו אַ העכערע און מער שלימות'דיגע גאולה, און אַנטקעגן דעם האָט מען מתקן געווען צו טרינקען וויין, וויל ווען מ'טרינקט 'יין המשכר', ווערט מען דאָך ביי יעדן כוס אַן 'אַנדערער מענטש'. וואָס מער ער וועט טרינקען, וועט ער זיך אַלץ מער פרייען. ממילא, וועט אויך זיין דאַנקען דעם אויבערשטען און דערציילן וועגן די וואונדער פון יציאת מצרים, זיין אַזוי ווי אַ 'פנים חדשות'...

דאָס הייסט, די כוונה איז אַז דער מענטש זאָל זיך איבערדרייען צו ווערן אַן 'אַנדערער מענטש' - אַ נייע באַשעפעניש, מיט'ן כח פון דער סדר-נאַכט, און דער סיפור פון די הגדה, און שטייגן אין מדריגות העכער און העכער.

**לג.** די כוונה איז נישט נאָר צו די השפעות וואָס קומען אַראָפּ פון הימל אויף דער וועלט, נאָר אַלע עולמות העליונים ווערן געשפייזט מיט די השפעה פון דער הייליגער נאַכט.

אַזוי שרייבט דער "תפארת שלמה" (יום ב' דפסח), אַז עס איז ממש אומגלויבלעך די צענדליגער טויזנטער סודות און יחודים וואָס ווערן געמאַכט אין די אויבערשטע וועלטן דורך די אידן, דורך דעם סדר פון 'ליל שימורים', אכילת מצה, מרור, און סיפור יציאת מצרים אין דער נאַכט.

ענגשאַפטן). די דאָזיגע השפעה האָט זיך שוין אָנגעהויבן אין מצרים, וואָס איז געווען דער אָנפאַנג פון אַלע גאולות, און יעדעס יאָר, פסח ביינאַכט, ווערט אַנטפּלעקט די דאָזיגע השפעה, און מ'קען דעמאָלס בטל מאַכן יעדע שלעכטע גזירה, און עס איבערדרייען צום גוטן, עבל"ק[לד].

---

לויט דעם זאָגט דער "תפארת שלמה", אַ טעם פאַרוואָס מרדכי הצדיק האָט גוזר תענית געווען אויף די אידן אין דער נאַכט פון פסח, ווי דער חז"ל זאָגן (מגילה טז.) אויפ'ן פסוק (אסתר ד, יז) "ויעבור מרדכי", אַז מרדכי האָט אַדורכגעפירט מ'זאל באשטימען דעם ערשטן טאָג פון יום טוב פסח אַלס אַ תענית. פאַרוואָס האָט מרדכי זיך געאיילט צו באַשטימען אַ תענית דייקא אין יום טוב פסח? די גזירה פון המן איז דאָך געווען ערשט אויף דעם פערצענטן טאָג פון חודש אדר אין קומענדיגן יאָר. אויב אַזוי, האָט מרדכי געהאַט צייט צו באַשטימען דעם פאַסט-טאָג אויף נאָך פסח? נאָר מרדכי האָט ספּעציעל מבטל געווען אידישע קינדער פון אָפּרעכטן דעם סדר ככל משפטו וחוקתו, ווייל ווען די אידן האָבן נישט געטוהן די עבודה אין דער הייליגער נאַכט פון פסח, איז געוואָרן אַ גרויסער רעש אין אַלע עולמות העליונים: וואָס האָט דאָ פּאַסירט אַז אידן פּראַווען נישט די סדר-נאַכט, ווייל אויב עס וועט חלילה נישט זיין אַ אידיש פאָלק, וועלן אַלע עולמות העליונים בטל ווערן.

**לד.** די ספרים ברענגען אַ רמז, ז'כר ל'יציאת מ'צרים איז ראשי תיבות מז"ל, אַ רמז אַז דער ענין פון סיפור יציאת מצרים האָט אַ גרויסן כח קעגן דעם "מזל".

דער "פרישה" שרייבט (ריש סי' תעג, בשם רב עמרם גאון) אַ טעם פאַרוואָס מען מאַכט נישט פסח ביינאַכט די ברכה "שעשה נסים", ווייל "יום ישועה הוא, ועדיף מנס", עס איז אַ טאָג פון ישועות, וואָס איז נאָך שטאַרקער ווי נסים.

שבת הגדול שנת תקצ"ח, און שפּעטער אין שנת תר"ב לפ"ק, האָט הגה"צ רבי אלי' גוטמאַכער זצ"ל, וועלכער איז באַקאַנט אַלס "דער גריידיצער צדיק", גע'דרש'ענט פאַר'ן ציבור וועגן דער גרויסער קדושה פון דער סדר נאַכט, און מוצאי שבת האָט ער עס פאַרשריבן אויף פּאַפּיר, און באַפוילן אויסצוטיילן עס צווישן דעם קהל.

דער גריידיצער צדיק פרעגט אויף דעם וואָס די גמרא זאָגט אַז מרדכי האָט געפאַסט דעם 14'טן, 15'טן און 16'טן טאָג פון חודש ניסן. איז שווער, די גזירה איז דאָך געווען ערשט אויף עלף חדשים שפּעטער, 13 טעג אין חודש אדר. אויב אַזוי, פאַרוואָס האָט מרדכי שוין יעצט גוזר תענית געווען בטל צו מאַכן די מצוות הלילה, צושטערענדיג דעם יום טוב ביי אידן, אַ זאַך וואָס איז נישט געווען לצורך השעה? ער האָט דאָך געקענט אויסרופן אַ תענית אויף נאָך פסח?

אויך איז שווער, דער גזר דין פונעם מענטש ווערט באַשטימט אין הימל ראש השנה און יום כיפור, איז דאָך דעמאָלס דער זמן וואָס איז מסוגל מתפלל צו זיין צום אויבערשטען, אויב אַזוי, פאַרוואָס האָט מרדכי באַשטימט דעם תענית אויף דעם יום טוב פסח?

האָט דער גריידיצער געענטפערט, עס איז אַ משל צו אַ מענטש וואָס איז פאַרשפּאַרט אין אַ געביידע וואָס איז אַרומגענומען מיט אַ הויכע פעסטע מויער, וואָס מ'קען נישט אַריבערקריכן און אַרויסגיין פון דאָרט. עס איז נישטאָ קיין וועג אַרויס פון דאָרט, נאָר אויב עס איז דאָ אַ לאָך אין דעם מויער, און דער געפאַנגענער וועט מיט אַ האַק אַרומהאַקן דעם לאָך עס אויסצוברייטערן, און צוברעכן די מויער.

דער נמשל איז: מרדכי הצדיק האָט געוואוסט אַז די גזירה איז פאַרזיגעלט געוואָרן מיט'ן זיגל פון מלך מלכי המלכים הקב"ה כביכול, נישט אַז דער מלך טיפּש אחשוורוש האָט גוזר געווען להשמיד ולהרוג ולאבד ח"ו, נאָר די גזירה קומט פונעם באַשעפער, און מיר ווייסן דאָך אַז אין חכמה ואין עצה ואין תבונה לנגד ה'. קיין תפלות ותחנונים וועלן נישט פועל'ן בטל צו מאַכן די גזירה.

מרדכי האָט אָבער געטראָפן אַ "לעכל" אין דעם מויער פון די גזירה, די איינציגע צייט ווען מ'קען אויפברעכן אַלע טויערן איז די נאַכט פון פסח, ווען אידן רעכטן אָפּ דעם סדר, און וואָס איז משנים קדמוניות באַשטימט געוואָרן אַלס אַ זמן פון ישועות פאַר אידישע קינדער. אברהם אבינו ע"ה האָט שוין מלחמה געהאַלטן מיט די פיר קעניגן אין דער פופצענטער נאַכט פון חודש ניסן, ווי דער פסוק זאָגט (בראשית יד, טו) "ויחלק עליהם לילה", זאָגט רש"י: ומדרש אגדה, שנחלק הלילה, ובחציו הראשון נעשה לו נס וחציו השני נשמר ובא לו לחצות לילה של מצרים. זינט יענע צייט, איז די נאַכט באַשטימט אַלס אַ "ליל שימורים לדורותם". וועגן דעם האָט מרדכי גוזר תענית געווען דווקא אויף די סדר נאַכט פון פסח, ווייל די דאָזיגע צייט איז מסוגל צו שפּאַלטן די אייזערנע מויער, און ברייטער

**אַזוי** שטייט אויך אין פרקי דרבי אליעזר (פל"ב) אַז אין דער סדר-נאַכט ווערן געעפענט אַלע טויערן פון שפעלה.

**אויך** איז באַקאַנט וואָס דער זוהר הקדוש (ח"ב לח.) שרייבט, אַז די נאַכט פון יום טוב פסח, ווען די אידן זענען אַרויסגעגאַנגען פון מצרים האָט געלויכטן אַזוי ווי די זון לייכט אין תקופת תמוז, ווי דער פסוק זאָגט (תהלים קלט, יב) "ולילה כיום יאיר, כחשיכה כאורה", און אַלע פעלקער האָבן געזעהן ווי דער אויבערשטער משפט און שטראָפט די מצריים.

**אין** אַלע דורות, האָבן אידן זוכה געווען צו ניסים ונפלאות אין דער נאַכט, אָנגעהויבן פון אברהם אבינו ע"ה ביי זיין מלחמה מיט די קעניגן פסח ביינאַכט, און ער האָט זיי באַזיגט, ווי דער פסוק זאָגט דאָרט (בראשית יד, טו) "ויחלק עליהם לילה". אויך ווען דער אויבערשטער האָט זיך באַוויזן צו יעקב אבינו ע"ה "בחלום הלילה", אין הויז פון לבן, איז עס געווען פסח ביינאַכט. די מיליטערלייט פון סנחריב זענען אויסגעשטאָרבן פסח ביינאַכט, און נאָך פילע אַנדערע נסים, וואָס ווערן דערמאנט אין דעם פיוט "ויהי בחצי הלילה".

**לויט** דעם, קען מען פאַרשטיין די ווערטער פון הרה"ק בעל "שפת אמת" זי"ע (לפסח, שנת תרל"ח, ד"ה "כל המרבה"), וואָס ער טייטשט דעם פסוק (איוב ט, י) "עושה גדולות עד אין חקר ונפלאות עד אין מספר", וואָס לכאורה דאַרף מען פאַרשטיין, אפילו אויב דער

---

מאַכן דעם "לאַך" אין דעם מויער פון מדת הדין ח"ו, און אַפילו אַ גזר דין אויף וועלכן ס'איז געווען אַ שבועה ח"ו אין הימל, קען אויך בטל ווערן מיט'ן כח הקדושה פון סדר ליל פסח.

מיט דעם האָט דער גריידיצער צדיק אויך געטייטשט דעם פסוק (ישעי' מ"ט, ח') "כה אמר ה', בעת רצון עניתיך וביום ישועה עזרתיך". דער עת רצון איז אין יום כיפור, וואָס דעמאָלס "עניתיך", פון לשון עינוים, וואָס איך האָב גוזר געווען מען זאָל זיך פייניגן מיט די פינף עינוים, "וביום ישועה", דאָס מיינט מען די סדר נאַכט פון פסח, דעמאָלס "עזרתיך", דער אויבערשטער העלפט אין דער סדר נאַכט מכל צרה וצוקה.

ער ברענגט אַ משל דערויף: אַ מענטש בעט ביי זיין חבר אַ הלוואה, אָבער דער חבר האָט נישט געהאַט קיין געלט אויף זיך. איז דער חבר געגאַנגען צו אַ דריטן מענטש, און ביי איהם געבעטן ער זאָל באָרגן געלט פאַר זיין חבר, און ער וועט זיין א ערב פאַר איהם. דאָס זעלבע אַז אַ איד נויטיגט זיך אין אַ ישועה און ער בעט אויף דעם פסח ביינאַכט, איז אפי' אויב עס איז שווער איהם צו העלפן, וועט מען פאַר איהם ממציא זיין פון הימל אַ גרויסע ישועה פון אַן אַנדער אָרט, ווייל די נאַכט פון פסח איז בכח איהם צו העלפן פון זיין צרה. עס איז ווי אַ קוואַל וואָס מען האָט שוין דאָרט אַמאָל געגראָבן און עס איז אַרויסגעקומען וואַסער, קען מען יעצט לייכט גראָבן און געפינען אַ קוואַל מיט פרישע וואַסער. דאָס זעלבע אין דער נאַכט וואָס עס זענען געשעהן ניסים מיט אונזערע עלטערן, איז קרובה ישועה לבא.

און דער גריידיצער צדיק האָט אויסגעפירט: אויב אַ מענטש איז חלילה געבוירן געוואָרן מיט אַ שלעכטן מזל רח"ל, צו עס איז בנוגע בני, בנוגע חיי, אדער בנוגע מזוני, קען מען ענדערן דאָס מזל צום גוטן אין דער הייליגער סדר נאַכט.

**לה.** דער גערער רבי, הרה"ק בעל "בית ישראל" זי"ע, האָט דערציילט, אַז ווען זיין טאַטע, הרה"ק בעל "אמרי אמת" זי"ע, איז געווען אַ קינד, האָט ער אַמאָל געפרעגט זיין טאַטן, דעם "שפת אמת" זי"ע, פאַרוואָס מען פירט זיך אָנצוטוהן אַ קיטל אין דער סדר-נאַכט. האָט דער "שפת אמת" איהם געענטפערט, אַז וויבאַלד מ'טוט אָן נייע בגדים לכבוד יום טוב, און מען וויל אַז די קליידער זאָלן נישט פאַרשמירט ווערן, דעריבער טוט מען אָן אַ "שירצל" ביים עסן, כדי די בגדים זאָלן נישט פאַרפלעקט ווערן...

יאָרן שפעטער, האָט דער "אמרי אמת" געזאָגט, אַז יעצט פאַרשטייט ער די טיפע כוונה פון זיין גרויסן טאַטן, ווייל אין יום טוב פסח קומט אַראָפ אַ גרויסע שפע אויף דער וועלט, און כדי מיר זאָלן זיין ראוי צו קענען נעמען די שפע און עס זאָל פאַרבלייבן ביי אונז לאורך ימים, דאַרפן מיר זיך אָנטוהן דעם קיטל, וואָס דערמאנט דעם מענטש אינעם יום ה... און אַזוי וועט ער ווערן פול מיט יראת שמים, און דורך יראת ה' טהורה וועט זיין נשמה פאַרבלייבן ריין אויף אייביג.

אויבערשטער האָט שוין געטוהן צענדליגער טויזנטער, אָדער אַפילו מער נסים, האָבן זיי דאָך נאָך אַלץ אַ צאָל, אויב אַזוי, פאַרוואָס זאָגט דער פסוק "עד אין מספר"? זאָגט דער "שפת אמת", אַז וויבאַלד יעדעס יאָר פאַסירן מיט די אידן נייע ניסים, קומט אויס אַז עס איז נישט מעגליך זיי זאָלן האָבן אַ "צאָל", ווייל די צאָל האָט זיך נאָך נישט געענדיגט...! ע"כ.

**דאָס** איז אויך די כוונה פון די ווערטער פונעם בעל ההגדה: "ואילו לא הוציא הקדוש ברוך הוא את אבותינו ממצרים, הרי אנו ובנינו ובני בנינו משועבדים". ער זאָגט נישט "היינו משועבדים", אין לשון עבר, נאָר "הרי אנו", לשון הוה, ווייל עס גייט אַרויף אויך אויף די "מצריים" פון אונזערע טעג - אין יעדן דור מיט זיינע "מצירים", רשעים וואָס מאַכן ענג און פייניגן אידישע קינדער ח"ו. יעצט גייען מיר אַרויס פון די "ענג-מאַכער", מיט'ן כח פון יציאת מצרים, וואָס טוט אויף די זעלבע פעולה יעדעס יאָר אין דעם הייליגן טאָג.

**דאָס** איז דערפאַר ווייל אין דער נאַכט פון פסח ווערט די גאַנצע בריאה אויפגעהויבן העכער פון די הנהגה פון טבע, און ממילא, איז יעדער איינער בכח משנה צו זיין דאָס מזל צום גוטן.

**די** ספרים זאָגן, אַז דאָס איז מרומז אין "יחץ", וואָס מ'צעברעכט די מיטלסטע מצה וואָס איז קיילעכדיג-רונדיג. די וועלט איז דאָך רונדיג, און מיט'ן צעברעכן די מצה ווייזט מען, אַז אין דער נאַכט פון פסח זענען מיר בכח צו צעברעכן די טבעיות'דיגע הנהגה פון דער וועלט, וואָס איז מרומז אין אַ קיילעכדיגע זאַך, און מ'קען זיך אויפהייבן העכער פון דרך הטבע[לו].

**דאָס**, אַז יעדעס יאָר שיינען די אורות און השפעות וואָס האָבן געשיינט דעמאָלס ווען די אידן זענען אַרויסגעגאַנגען פון מצרים, איז מבואר אויך אין די ווערטער פונעם "אור החיים" הקדוש (במדבר כג, כג) אויפ'ן פסוק "א-ל מוציאם ממצרים". "מוציאם" איז לשון הוה - ער נעמט זיי אַרויס. זאָגט דער "אור החיים", דער אויבערשטער נעמט אַרויס אידן פון מצרים, ווי חז"ל זאָגן (פסחים קטז:) אַז אין יעדן דור דאַרף יעדער איינער זיך זעהן ווי ער אַליין איז אַרויסגעגאַנגען פון מצרים. וועגן דעם זאָגן די וואָס קענען פנימיות התורה, אַז יעדן פסח ביינאַכט ווערן נתברר די כוחות הקדושה פון די קליפה און זיי ווערן פאַרמערט אין אידישן פאָלק, און דאָס איז די בחינה פון יציאת מצרים, און אויף דעם זאָגט דער פסוק, א-ל "מוציאם" ממצרים, "כי לא יציאה ראשונה לבד, אלא בכל שנה ושנה מוציאם כנזכר", ווייל נישט נאָר דעמאָלס האָט דער אויבערשטער אַרויסגענומען די אידן פון מצרים, נאָר ער נעמט זיי אַרויס פון דאָרט יעדעס יאָר פסח ביינאַכט.

**ענליכע** ווערטער, זאָגט דער "בית אהרן" (לפסח פב: ד"ה "ליל שימורים") אויפ'ן פסוק (שמות יב, מב) "ליל שימורים הוא לה' להוציאם מארץ מצרים", דער פסוק רעדט מיט אַ לשון עתיד, אַז ער איז צוגעגרייט אַרויסצוציען זיי שטענדיג, יעדעס יאָר, ווען עס וועט קומען די נאַכט פון פסח. "הוא הלילה הזה לה', שימורים לכל בני ישראל לדורותם", אויך אין די שפּעטערדיגע דורות, נעמט דער אויבערשטער אַרויס די אידן פון מצרים אין דער נאַכט.

### ונצעק אל ה' - דער גרויסער 'עת רצון' צו פועלן יעדע סארט ישועה

**פסח** ביינאַכט ביים סדר, איז דער זמן מסוגל צו בעטן אויף אַלעם וואָס מ'דאַרף האָבן, בני חיי ומזוני, ווייל דער אויבערשטער קומט דעמאָלס אַראָפּ מיט די גאַנצע פמליא של מעלה און ער קוקט זיך אום אויף

---

**לו.** מיר פירן זיך פסח ביינאַכט, צו מאַכן די ברכה "בורא פרי האדמה" אויף "כרפס", און מ'האָט אין זינען צו פטר'ן די מרור וואָס מ'עסט נאָך די מצה ("משנה ברורה", סי' תעג, סקנ"ה).

איין יאָר, ביים זאָגן די ווערטער "און מ'האָט אין זינען צו פטר'ן די מרור", האָט דער ספינקער רבי, הרה"ק בעל "חקל יצחק" זי"ע, אויסגעבראָכן אין אַ געוויין, און ער האָט מסביר געווען די טיפע כוונה פון די ווערטער, אַז דורך עסן כרפס "פטר'ט מען" און מען מאַכט בטל די צרה פון מיתה ל"ע, וואָס "מות" באַטרעפט די זעלבע צאָל ווי "מרור" (446). און אויך פאַר מרור נעמט מען "חסא", וואָס די גמרא זאָגט אַז דאָס איז צוליב דעם וואָס "חס רחמנא עילוון" (פסחים לט.), דער אויבערשטער האָט רחמנות געהאַט אויף אונז און ער האָט אונז אַרויסגענומען פון גלות מצרים. קומט אויס, אַז מיט'ן עסן מרור איז מען ממתיק די דינים און מען פאַרשטאָפּט דאָס מויל פון די מקטריגים.

יעדן איד און אויף זיין עבודה, און עס ווערט דעמאָלס נתעורר די ליבשאַפט פונעם גרויסן פאָטער אין הימל צו זיינע טייערע קינדער. אַלע טויערן פון רחמים זענען דאַן אָפן, און דעריבער, אויב דער מענטש איז דעמאָלס מתפלל ווי עס דאַרף צו זיין, הערט דער אויבערשטער זיין תפילה[לז] און ערפילט אַלע זיינע בקשות לטובה ולברכה[לח].

**אַזוי** שרייבט דער מהרי"ל (הלכות ההגדה) אַ טעם פאַרוואָס מ'נעמט אַן איי אין דער סדר-נאַכט, ווייל אויף די ארמ'ישע שפראַך הייסט אַן איי, "ביעא", וואָס איז פון אויך פון לשון תפילה [ווי דער תרגום אונקלוס טייטש די ווערטער "בחרבי ובקשתי" (בראשית מח, כב), "בצלותי ובבעותי"]. עס איז מרמז אַז "דבעא רחמנא בן ופרקינן", דער אויבערשטער האָט געגליסט אין אונז און ער האָט אונז אויסגעלייזט פון גלות מצרים. דאָס איי דערמאָנט דעריבער דעם מענטש אויסצונוצן דעם שעת הכושר פון די סדר-נאַכט און בעטן דעם מלך מלכי המלכים הקב"ה, ער זאָל איהם אויסלייזן פון אַלע זיינע צרות.

**ענליך** שטייט אין "דרכי משה" (סי' תעג, סקי"ב) אַ טעם פאַרוואָס מען וואַשט זיך די הענט איידער מ'עסט "כרפס", ווייל דער סיפור פון די הגדה איז אַזוי ווי תפילה, וואָס מיר דערציילן די לויב פון דעם אויבערשטען ברוך הוא, דעריבער דאַרף מען זיך וואַשן די הענט. קומט אויס, אַז דאָס עצם זאָגן דעם נוסח פון די הגדה איז אין דער בחינה פון אַ תפילה, און ממילא, קען מען דעמאָלס אויס'פועל'ן אַלעס וואָס מ'דאַרף האָבן[לט].

**ספעציעל** איז מסוגל צו בעטן ביים אויבערשטען אַלעס וואָס מ'דאַרף האָבן, ווען מ'זאָגט דאָס שטיקל

---

**לז.** זעלבסט-פאַרשטענדליך, אַז דאָס מיינט נישט אַז מ'דאַרף פאַרוואַנדלען די סדר-נאַכט אין אַן "עצרת זעקה"... נאָר די כוונה איז, אַז אַלע תפילות און בקשות זאָלן געזאָגט ווערן מתוך שמחה, און מיט אַ הודאה צום באַשעפער, "עד הנה עזרונו רחמים, ואל תטשנו ה' אלוקינו לנצח".

**לח.** אַ תפילה פון האַרצן טיפן ווערט אָנגענומען אין די העכסטע הימלען, ווי צדיקים האָבן געטייטשט דעם פסוק (שמות ב, כג) "ותעל שוועתם אל האלוקים", אַז זיי האָבן געשריגן פון די טיפענישן פון האַרץ, און וועגן דעם האָט זייער תפילה אויפגעריסן אַלע מחיצות און טויערן אין הימל. זי האָבן אַפילו נישט געדאַרפט אָנקומען צו די הילף פון די מלאכים אַז זיי זאָלן אַרויפברענגען זייערע תפילות פאַר'ן הייליגן באַשעפער, ווייל אַ תפילה פון טיפן האַרצן שטופט אַוועק אַלע מקטריגים און משטינים. זייערע מיילער ווערן פאַרשטאָפּט און זיי קענען נישט שטערן די תפילה אַרויפצוקומען פאַר דעם אויבערשטען.

**לט.** ספעציעל איז עס אַ זמן צו בעטן אויף פרנסה, אַז דער אויבערשטער זאָל צושטעלן אַלעס וואָס ער דאַרף, פאַר איהם און פאַר אַלע אידן.

באמת, איז גאַנץ יום טוב פסח דער זמן מסוגל צו בעטן אויף פרנסה, ווייל חז"ל זאָגן (ר"ה טז.) "בפסח נידונין על התבואה". אין יום טוב פסח, ווערט די וועלט גע'משפט וויפיל תבואות עס זאָלן וואַקסן אין קומענדיגן יאר, און צו עס זאָלן זיין גוטע תבואות, איז עס דאָך אַ זמן צו בעטן אויף אַ שפע פון פרנסה.

הרה"ק רבי מענדעלע קאָסוב'ער זי"ע זאָגט, אין ספה"ק "אהבת שלום" (ר"ה, ד"ה "והוכיח") אויפ'ן פסוק (בראשית כא, כה) "והוכיח אברהם את אבימלך על אודות באר המים אשר גזלו עבדי אבימלך". אברהם איז דער צדיק, ער ווענדט זיך צום אויבערשטען כביכול, וואָס איז מרומז אין וואָרט "אבימלך" ("אבי מלך"), און ער טענה'ט זיך אויס פאַר דעם אויבערשטען כביכול, אַז די "עבדי אבימלך" - די מקטרגים און משטינים רח"ל - האָבן "צוגע'גז'ל" דעם "באר המים", דאָס זענען די השפעות טובות, אַז אידישע קינדער זאָלן נישט האָבן שפע וויפיל זיי דאַרפן האָבן.

זאָגט דער פסוק ווייטער: "ויאמר אבימלך", זאָגט דער אויבערשטער צו דעם צדיק, "לא ידעתי מי עשה את הדבר הזה", איך האָב כביכול נישט געוואוסט ווער עס האָט דאָס געטוהן. וגם אתה לא "הגדת" לי, בשעת'ן זאָגן די "הגדה" פסח ביינאַכט, האָסטו מיר אינגאַנצן נישט אַפילו מרמז געווען וועגן דעם, און דו האָסט דעמאָלס בכלל נישט געבעטן אויף פרנסה. "וגם אנכי" - און אויך אין יום טוב שבועות, ווען מ'לייענט די פרשה פון קבלת התורה, "אנכי" ה' אלקיך, האָב איך אויך נישט געהערט פון דיר אַז דו זאָלסט בעטן אויף דעם. "בלתי היום", נאָר ראש השנה, וואָס ווערט אָנגערופן "היום" (ווי עס שטייט אין זוהר הקדוש), נאָר דעמאָלס בעט מען אויף פרנסה, און דערפאַר פעלט זיי פרנסה, ווייל זיי נוצן נישט אויס די אַנדערע געהויבענע זמנים צו בעטן אויף פרנסה.

"ונצעק אל ה'"מ, ווי עס ווערט געברענגט אין די "רשימות" וואס עס האט געשריבן א ליובאוויטשער חסיד, וואס ער האט געהערט פון זיין רבי'ן, הרה"ק רבי יוסף יצחק מליובאוויטש זי"ע, ביי דער סדר-נאכט, אז ער האט געזאגט צווישן אנדערן, די וועלט מאכט א טעות, מ'מיינט אז דאס וואס מיר זענען אנדערש ווי

---

עס ווערט געברענגט א רמז צו בעטן אויף פרנסה פסח ביינאכט ביים סדר, ווייל די גמרא זאגט (עירובין יח:) אז די יונה האט געבעטן, "יהיו מזונותי מרורין כזית". עס איז מרמז, אז מ'דארף בעטן אויף "מזונות" (פרנסה) דעמאלס ווען מ'עסט "מרורין כזית" - דעם כזית מרור, פסח ביינאכט.

**מ.** הרה"ק רבי צדוק הכהן מלובלין זי"ע זאגט ("פרי צדיק", ויצא, אות ט') אויף דעם וואס פסח ביינאכט, "מתחיל בגנות ומסיים בשבח", מ'פאנגט אן מיט דעם "גנות" פון "ארמי אובד אבי", און מ'פירט אויס מיט א שבח צו דעם אויבערשטען אז ער האט אונז ארויסגענומען פון גלות מצרים.

זאגט הרה"ק רבי צדוק, דער מדרש זאגט (תנחומא, ריש פרשת תבא) רבי אבהו האט געזאגט אין נאמען פון רבי יוסי בר חנינא, קום און זעה ווי די מענטשן וואס זענען מקיים די מצוות פון דעם אויבערשטען, האבן פאר איהם א "פתחון פה". ווען א מענטש האט א פראבלעם מיט די מלוכה, דארף ער אפט מאל אויסגעבן א סאך געלט כדי ער זאל קענען צוקומען צום קעניג צו שתדל'ען ביי איהם וועגן דעם, און ווען ער קומט שוין אריין אין קעניגליכן פאלאץ און טרעפט זיך מיט'ן קעניג, איז א ספק אויב דער קעניג וועט נאכגעבן זיין בקשה, אדער נישט, אבער דער אויבערשטער איז אנדערש. א מענטש גייט אראפ אין זיין פעלד, ער זעהט א שטרענגל מיט טרויבן וואס האבן געצייטיגט, א פייג וואס האט געצייטיגט, א מילגרוים וואס האט געצייטיגט, נעמט ער דאס, און ער לייגט עס אריין אין א קארב און ער גייט ארויף דערמיט קיין ירושלים. דארט שטעלט ער זיך אוועק אינמיטן פון די עזרה, און ער בעט רחמים פאר זיך, און פאר אלע אידן, און פאר ארץ ישראל, ווי דער פסוק זאגט "השקיפה ממעון קדשך" וגו'. און נאך מער: מען האט אויך געזאגט, "איני זז מכאן, עד שתעשה צרכי היום הזה" - איך וועל זיך נישט אוועקרירן פון דא, ביז דו וועסט מיר נאכגעבן מיינע פארלאנגען (אזוי ווי חוני המעגל האט געזאגט אין זיין צייט). זאגט דער פסוק ווייטער: "היום הזה ה' אלקיך מצוך לעשות... זאגט רבי חייא בר אבא, קום און זעה ווי די מענטשן וואס זענען מקיים די מצוות זענען גרויס ביי דעם אויבערשטען, ער גיט ארויס א גזירה און די צדיקים זענען מבטל די גזירה, ווי דער פסוק זאגט (קהלת ח, ד) "באשר דבר מלך שלטון, ומי יאמר לו מה תעשה". זאגט דער מדרש, ווער איז דאס דער מענטש וואס קען זאגן דעם אויבערשטען וואס ער זאל טוהן? "שומר מצוה לא ידע דבר רע" (שם פסוק ה). "זה ממחה על ידו של הקדוש ברוך הוא", דער מענטש וואס איז מקיים א מצוה, איז בכח "מוחה" צו זיין אז דער אויבערשטער כביכול זאל דארפן בטל מאכן די גזירה, עכ"ל המדרש.

זאגט הרה"ק רבי צדוק, אז דאס איז מען מרמז פאר דעם מענטש פסח ביינאכט, אז כאטש מיר האבן נישט היינט די מצוה פון ביכורים, אבער דעם כח פון די מענטשן וואס האבן געברענגט די ביכורים אין בית המקדש, צו "זאגן" פאר דעם אויבערשטען כביכול וואס צו טוהן, האבן מיר יא... ווייל פסח ביינאכט זענען מיר אזוי ווי חוני המעגל בשעתו, וואס האט זיך "אויסגעשמועסט" מיט'ן אויבערשטען כביכול, "כבן המתחטא לפני אביו", ווייל יעצט זיצט דאך יעדער איד ביים טיש פון דעם גרויסן טאטן אין הימל, און יעדער איד איז בכח צו זאגן צו דעם אויבערשטען: "איך וועל זיך נישט אוועקרירן פון דא ביז דו וועסט מיר געבן אלע גוטע השפעות אין דעם הייליגן טאג פון יום טוב פסח", און אזוי קען ער בטל מאכן אלע שלעכטע גזירות.

עז איז באקאנט די מעשה, וואס דער הייליגער "שרף" זי"ע פון מאגלניצע, האט דערציילט ("תורת השרף ממאגלניצא"), א מעשה נורא וואס האט פאסירט ביים הייליגן אפטער רב, בעל "אוהב ישראל" זי"ע.

אין יענע צייטן, האבן אידן געהאט אויסצושטיין צרות פון זייערע פריצים, ביי וועמען אידן פלעגן ארויסדינגען די קרעטשמעס. האט פאסירט א מעשה מיט א אידישן קרעטשמער, וואס האט נישט געהאט צו באצאלן די ראטע פאר דער קרעטשמע. האט דער פריץ איהם גערופן צו זיך פאר שבת הגדול, און איהם אנגעווארענט, אז אויב ער וועט נישט באצאלן פאר דער קרעטשמע, וועט ער באשטראפן איהם און זיין משפחה.

איז דער איד געפארן צום אפטער רב, אבער מ'האט איהם נישט אריינגעלאזט פאר שבת צום אפטער רב. האט דער איד באשלאסן צו בלייבן דארט אויף שבת. ער איז דארט געשלאפן אויף א באנק, און געגעסן ביים רבינ'ס טיש, טראכטנדיג אריינצוגיין מוצאי שבת זיך אפרעדן דאס הארץ פאר'ן רבי'ן.

פון דער דרשה וואָס דער אַפּטער רב האָט געזאָגט שבת הגדול, איז אַ העלפט דערפון געווען אַ פלפול, און די צווייטע העלפט האָט דער אַפּטער רב געזאָגט דברי אגדה און מוסר. צווישן אַנדערע, האָט דער אַפּטער רב געזאָגט ווי פאָלגענד:

- אויב אַ איד שרייט אין דער נאַכט פון פסח, ביים זאָגן אין די הגדה "ונצעק אל ה' אלקי אבותינו"... איז דאָ אַ איד וואָס ער דאַרף געהאָלפן ווערן מיט קינדער, אויב ער שרייט ביי "ונצעק", וועט דער אויבערשטער איהם גלייך העלפן מיט קינדער. אויב ער דאַרף געהאָלפן ווערן מיט געזונט, און ער שרייט זיך אויס ביי "ונצעק", ווערט ער געהאָלפן! אויב אַ איד דאַרף געהאָלפן ווערן מיט פרנסה - "מזוני" - איז אויב ער וועט שרייען ביי דעם שטיקל פון "ונצעק", וועט ער געהאָלפן ווערן!

דאָ האָט דער אַפּטער רב צוגעלייגט:

- למשל, אויב אַ פריץ וויל אַרויסוואַרפן דעם קרעטשמער ווייל ער האָט נישט צו באַצאָלן פאַר די קרעטשמע, זאָל ער וויסן, אַז ביים שרייען "ונצעק", קען ער געהאָלפן ווערן!

מוצאי שבת, איז דער איד אַהיים געפאָהרן, אָן זיך צו געזעגענען פונעם אַפּטער רב, ווייל ער האָט דאָך שוין געהערט דעם ענטפער ביי די דרשה וואָס דער אַפּטער רב האָט געזאָגט שבת הגדול, אַז אויב מען שרייט זיך גוט אויס ביי די ווערטער "ונצעק אל ה' אלקי אבותינו", ווערט מען געהאָלפן.

ווען דער קרעטשמער איז אַהיים געקומען, האָט זיין ווייב איהם געפרעגט וואָס דער רבי האָט געזאָגט, און דער מאַן האָט איר געענטפערט, וואָס דער רבי האָט געזאָגט וועגן שרייען ביים זאָגן "ונצעק". זיי האָבן באַשלאָסן אַזוי צו טוהן.

ווען עס איז געקומען די נאַכט פון פסח, ביים זאָגן די הגדה, האָט דער קרעטשמער זיך צעשריגן מיט זיין ווייב ביי די ווערטער "ונצעק אל ה' אלקי אבותינו".

גלייך דערנאָך האָבן דער קרעטשמער און זיין ווייב געהערט קלאַפּן. אַ שיכור'ער גוי האָט געקלאַפּט אויף די טיר, און דערציילט פאַר דעם אידישן קרעטשמער, אַז ער האָט זיך צוקריגט מיט זיין פרוי און ער האָט איר גע'הרג'עט... ער מוז דעריבער זאָפאָרט אַנטלויפן פון דאַנעט. ער האָט ביי זיך צוויי פעסער מיט גאָלדענע רענדלער, וואָס איז געווען זיין גאַנץ פאַרמעגן, און ער וויל עס דאָ איבערלאָזן, ווייל פאַר די גוים קען ער דאָך נישט געטרויען צו באַהאַלטן ביי זיי דאָס געלט, נאָר דעם אידישן קרעטשמער. דערפאַר בעט ער איהם, ער זאָל זיין פאַר איהם אַ שומר אויפ'ן געלט. אַלס שומר שכר, שענקט ער איהם אַוועק איין פאַס מיט גאָלדענע רענדלער, און דעם צווייטן זאָל ער האַלטן פאַר איהם, דעם גוי, ווען ער וועט צוריקקומען אַהער...

באַלד נאָך די ערשטע טעג יום טוב, איז דער קרעטשמער געגאַנגען צום פריץ באַצאָלן דעם חוב פון די קרעטשמע, און עס איז איהם נאָך איבערגעבליבן אין זיין אייגענעם פאַס, גאָר אַ גרויסער סכום געלט. ער האָט זיך געלאָזט אויפנייען נייע קליידער, געקויפט אַ נייעם פערד און וואָגן, און איז אַריבערגעפאָרן צום אַפּטער רב.

אַריינקומענדיג צום אַפּטער רב, האָט דער משמש איהם - זעלבסט פאַרשטענדליך - נישט דערקענט. זעהענדיג פאַר זיך אַ רייכן איד, האָט ער איהם באַלד אַריינגעלאָזט צום אַפּטער רב... אַריינקומענדיג צום אַפּטער רב, האָט דער קרעטשמער אַראָפּגעלייגט אַ שיינעם סכום געלט אויפ'ן טיש, זאָגענדיג, אַז ער וויל באַצאָלן דעם רבי'ן פאַר דעם "מופת" וואָס ער האָט איהם געפראַוועט דעם יום טוב פסח. האָט דער אַפּטער רב געזאָגט:

- דו האָסט נישט וואָס מיר צו דאַנקען פאַר דעם נס, ווייל דו אַליין האָסט ממשיך געווען אויף זיך די ישועה ווען דו האָסט געשריגן ביי "ונצעק"...

מיט עטליכע יאָר צוריק האָט אונז דערציילט דער לאַסקער רב פון באָראָ פּאַרק, הגה"צ רבי יוסף משה מייזליש שליט"א, וועלכער איז אַ שוואָגער פון הגה"צ אב"ד קראַסנא שליט"א, און ער ווילט יעדן זומער אין קראַסנער קעמפּ אין די קעטסקיל בערג. אינעם קעמפּ האָט זיך געפונען אַ בחור מיטן נאמען "מאָניש", וואָס איז שוין געווען 28 יאָר אַלט, און עס איז איהם געגאַנגען שווער מיט אַ שידוך. אויך האָט ער שוין געהאַט אַ ברודער פון 26 יאָר, און אויך ער האָט זיך געפּלאָגט צו געפינען אַ פּאַסיגן שידוך.

דערציילט מיר דער לאַסקער רב, אַז איינמאָל ווען ער איז אָנגעקומען אין קעמפּ אָנהויב זומער, זאָגט איהם זיין שוואָגער, דער קראַסנער רב: "מאָניש... איז אַ חתן געוואָרן!" נישט קענענדיג גלייבן וואָס ער הערט האָט ער געהייסן דעם חתן אליין ער זאָל דערציילן מעשה שהיה כך היה:

דער דור וואָס איז אַרויסגעגאַנגען פון מצרים, איז עס דערפאַר ווייל מיר האָבן נישט אַ "משה רבינו" ע"ה,

---

"מאַניש" דערציילט, אַז אין דער נאַכט פון פסח, זיצענדיג ביים טאַטן'ס סדר, וואו אַלע קינדער זענען געקומען, די ברידער און די שוואָגערס, די שוועסטערס און די שוועגערינס, יעדער זיצט ביים טיש. איך, מאַניש, האָב געהאַט אַ הגדה של פסח מיט עברי-טייטש, און ביי די ווערטער "ונצעק אל ה' אלקי אבותינו", איז געווען באַשריבן באריכות די באַקאַנטע מעשה מיט'ן מופת וואָס דער אַפּטער רב, הרה"ק בעל אוהב ישראל זי"ע האָט אויסגע'פּועל'ט פאַר אַ פּשוט'ן קרעטשמער, דורך שרייען ביי "ונצעק".

- לייענענדיג די מעשה אין מיין הגדה, האָב איך געבעטן אַלעמען אין מיין טאטע'ס הויז, מ'זאָל זיין שטיל, און איך האָב אויסגעשריגן: "איך קען שוין נישט אויסהאַלטן! איך מוז אַ חתן ווערן! כ'בעט ענק אלע, יעדער זאָל שרייען ביים זאָגן 'ונצעק'!".

- מיין מאמע האָט מיך פּראָבירט באַרואיגן, 'איך רעד דאָך מיט שדכנים, מ'טוט אין דעם עניין...'. אָבער איך האָב נישט געוואָלט הערן פון גאָרנישט, נאָר אַז אַלע וואָס זיצן דאָ ביים טיש, זאָלן זיך נעמען שרייען 'ונצעק - "מאַניש" מוז אַ ווערן אַ חתן!'. אַלזאָ, יעדער האָט זיך גענומען שרייען 'ונצעק - "מאַניש" קען שוין נישט אויסהאַלטן! ער מוז ווערן אַ חתן!".

- ווען מ'האָט געוואָלט זאָגן ווייטער די הגדה, האָב איך געזאָגט: 'ניין, וואָס וועט זיין מיט יאַנקעל?! ער איז טאַקע יונגער פון מיר, אָבער ער איז מוז דאָך אויך אַ חתן ווערן!... אַלזאָ, יעדער זאָל שרייען: 'יאַנקעל קען שוין נישט אויסהאַלטן! ער מוז אַ חתן ווערן!'. נו, האָבן אַלע טאַקע געשריגן 'ונצעק', אויך אַז יאַנקעל זאָל ווערן אַ חתן...

דערציילט דער לאַסקער רב, אַז אין דריטן טאָג חול המועד האָט מען גערעדט שידוכים פאַרביידע ברידער, און די שידוכים זענען געגאַנגען פיין, דער איינציגער "פּראָבלעם" איז געווען, אַז מ'האָט מורא געהאַט צו ענדיגן ביידע שידוכים אין איין טאָג, צוליב 'עין הרע' (כ'ווייס נישט ווער עס גיט פאַר אַזעלכע מענטשן אַן "עין הרע"...), און ווען מ'האָט געפרעגט דעם ווי׳זשניצער רבי'ן זי"ע פון מאָנסי, האָט ער געהייסן ענדיגן די שידוכים אין צוויי אַנדערע טעג. ביידע ברידער זענען געוואָרן חתנים חול המועד פסח - דער 28 יאָריגער בחור, און דער 26 יאָריגער בחור! און ביידע ברידער פירן ב"ה היינט שיינע שטובער.

מיר האָבן שפּעטער געהערט אַ נייע וויכטיגע הוספה אויף די אויבן דערמאנטע מעשה, וואָס עס דערציילט דער לאַסקער רב שליט"א:

דער בחור "מאַניש", איז געוואָרן אַן איידים ביי אַ איד אין לעיקוואוד, וועלכער האָט געהאַט נאָך אַ טאָכטער, וואָס איז שוין לאַנג געווען "אין די יאָרן", אָבער עס איז געגאַנגען זייער שווער מיט אַ שידוך. דעם ערשטן פּסח ביינאַכט, נאָך די חתונה, האָט מאניש דערציילט ביים שווער אין שטוב, די מעשה וואָס ער אַליין האָט געהאַט אַ יאָר פריער ביים שרייען "ונצעק", און ווי ער און זיין ברודער, יאַנקעל, זענען אַריין בברית האירוסין חול המועד. דעריבער, איז זיין עצה - האָט מאַניש געזאָגט - אַז אויך יעצט זאָל מען טוהן דאָס זעלבע, מ'זאָל שרייען ביי "ונצעק", כדי זיין שוועגערין זאָל ווערן אַ כלה אין אַ מזל'דיגע שעה.

האָט די שוויגער, די מוטער פון דאָס עלטערע מיידל, זיך "אונטערגעשמייכלט", ווי איינער זאָגט, "ער ווייסט נישט וואָס ער רעדט"... אָבער מאניש האָט נישט מוותר געווען, און אויך זיין פרוי, האָט געזאָגט אַז זי וויל שרייען ביי "ונצעק", כדי איר שוועסטער זאָל ווערן אַ כלה... אויך דאָס מיידל האָט געזאָגט אַז זי וועט שרייען ביי "ונצעק"... זיי האָבן אַזוי געטוהן, אַלע האָבן געשריגן ביי "ונצעק", און דאָס מיידל איז בשעה טובה געוואָרן אַ כלה ביז אַ קורצע צייט.

עס האָט מיר דערציילט אַ יונגערמאַן וואָס קומט צו אונזער שיעור אין אלעד, אז ער האָט געליטן יסורים אויפ'ן פוס ל"ע, און ער האָט גענומען איינשפּריצונגען, וואָס האָבן איהם אויך פאַרשאַפן גרויסע יסורים רח"ל. פּסח ביינאַכט, ווען מ'האָט געהאַלטן ביי "ונצעק", איז ער אַריינגעלאָפן אין אַ זייטיגן צימער, און ער האָט זיך אויסגעוויינט דאָס האַרץ, "רבונו של עולם, וואָס וועט זיין דער סוף?"...

דערציילט ער מיר, אַז מוצאי יום טוב איז ער געגאַנגען נעמען נאָך אַן איינשפּריץ, און זינט דאַן, האָט ער ב"ה מער נישט געדאַרפט נעמען אַפילו איין איינשפּריץ!

אַזוי ווי זיי האָבן געהאַט, אונז אַרויסצונעמען פון אונזער "גלות מצרים" - יעדער איינער אויף זיין אייגענע בחינה פון "מצרים"...

**האָט** דער רבי ריי"ץ געזאָגט, דאָס איז אָבער נישט ריכטיג, ווייל אַלעס וואָס די אידן האָבן זוכה געווען דערצו אין מצרים, אַז דער אויבערשטער זאָל שיקן משה רבינו ע"ה זיי אויסצולייזן, איז דאָס אַלעס געווען נאָר אין זכות פון "ויזעקו" - ווייל זיי האָבן געשריגן צו דעם אויבערשטען! ממילא איז דאָס זעלבע היינטיגע צייטן. אויב מיר וועלן ריכטיג מקיים זיין דעם "ונצעק", מיר וועלן שרייען צום אויבערשטען, וועלן מיר אויסגעלייזט ווערן פון אַלע פּראָבלעמען, און מיר וועלן אַפילו קענען אויס'פועל'ן אַז משיח צדקינו זאָל קומען במהרה בימינו, אויסלייזן אידישע קינדער פונעם לאַנגען גלות, אמן[מא].

---

אויך האָט מיר דערציילט אַ יונגערמאַן פון ירושלים, וואָס האָט נישט געהאַט קינדער צען יאָר נאָך די חתונה, אַז איין יאָר האָט ער געזאָגט פאַר זיינע בני בית, אַז האַיאָר וויל ער פראַווען דעם סדר אַליין מיט איר. זאָגט ער, "יענעם יאָר בין איך, ברוך ה', געהאָלפן געוואָרן"!

לדידן יאמר, די אַלע "חכמים" וואָס האלטן זיך פאַר קלוגע מענטשן, אויב זיי זאָלן זיך מאַכן אַזוי ווי "מאָניש" ביי זייער תפילה, און זיי וועלן שרייען צו דעם אויבערשטען אַזוי ווי מאָניש וואָס האָט נישט געוואוסט פון "חכמות", נאָר ער האָט מתפלל געווען צו דעם אויבערשטען מיט פשטות און תמימות, און ער האָט טאַקע זוכה געווען צו שפּאַלטן די טויערן פון הימל מיט זיין תפילה, וועלן מיר אויך געהאָלפן ווערן און אויפרייסן אַלע מחיצות אין הימל.

ווען בחורים פון חוץ לארץ, פלעגן זיך געזעגענען פאַר יום טוב פסח פונעם גרערער רבי'ן, הרה"ק בעל "לב שמחה" זצ"ל, איידער זיי זענען אַהיים געפאָרן אויף יום טוב, פלעגט דער "לב שמחה" זאָגן שאַרף: "אָה, די קשיא פרעגערס...". ווען אַן עלטערער בחור פלעגט זיך געזעגענען, פלעגט דער "לב שמחה" זאָגן:

- אין דער סדר-נאַכט, פרעגט דאָך דער זון קשיות פאַר זיין טאַטן. פרעג, אַלזאָ, דיין טאַטן אין דער סדר נאַכט, פאַרוואָס דו ווערסט נישט אַ חתן...

ער האָט מסתמא געמיינט צו זאָגן, פסח ביינאַכט, זאָלסטו בעטן ביים "טאַטן" אין הימל, אַז דו זאָלסט שוין ווערן אַ חתן.

האָט מיר דערציילט דער מרא דעובדא אַליין, אַ גערער יונגערמאַן, אַז אַלס בחור, זענען אין זייער הויז געווען עטליכע עלטערע בחורים: ער איז געווען אַ בחור פון דרייסיג יאָר, זיין יונגערער ברודער, איז געווען 27 יאָר אַלט, און נאָך אַ יונגערער ברודער - 25 יאָר. דערציילט ער, אַז ביים סדר, איידער מ'האָט געדאַרפט זאָגן "מה נשתנה", האָט זיין יונגערער ברודער, וועלכער איז געזעסן נאָך איהם, איהם געשטופּט און געזאָגט, "פרעג איהם (דעם טאַטן) יעצט...". האָט דער בחור אויסגעבראָכן אין אַ געוויין, און געפרעגט "מה נשתנה", אַז עס האָט געהערשט אַ "חרדת אלקים" אין הויז עטליכע מינוט. נאָך צוויי מינוט, האָט די מאַמע זיך אויפגעשטעלט פון איר אָרט קעגנאיבער דעם טאַטן ביים טיש, און געשריגן:

- גענוג, ס'איז היינט יום טוב!

דערנאָך, האָט מען ממשיך געווען צו פירן דעם סדר מיט פריילִיכע הערצער. נאָכ'ן סדר, האָט דער טאַטע געזאָגט צו זיינע זון, די דריי עלטערע בחורים:

- היינט איז דאָך פסח ביינאַכט, לאָמיר זאָגן תהלים, פון "תפלה למשה" ביז'ן סוף פון ספר תהלים!

זיי האָבן אַזוי געטוהן, און געזאָגט תהלים פון מזמור צ' ביז'ן סוף. דערציילט מיר דער יונגערמאַן, אַז ער איז געוואָרן אַ חתן בשעטומ"צ אין חודש אייר, און זיין יונגערער ברודער, איז געוואָרן אַ חתן אין חודש תמוז, און דער דריטער ברודער - אין חודש חשון!

**מא.** דער קלויזענבורגער רב, הרה"ק בעל "שפע חיים" זי"ע, האָט געזאָגט, אַז דערפאַר ווערט נישט דערמאָנט דער נאָמען פון משה רבינו ע"ה אין די גאַנצע הגדה של פסח (נאָר איינמאָל, דרך אגב, "רבי יוסי הגלילי אומר מנין וכו' ויאמינו בה' ובמשה עבדו") אונז צו לערנען, אַז כדי זוכה צו זיין צו די גאולה שלימה, דאַרפן אידן נישט האָבן דווקא אַזאַ גרויסן און הייליגן מנהיג ווי משה רבינו, עס איז גענוג צעקה און תפילה צו דערנענטערן די גאולה, אַזוי ווי עס האָט גורם געווען די גאולה פון אידישע קינדער אין מצרים, ווי דער פסוק זאָגט (שמות ב, כג) "ותעל שועתם אל האלקים".

**ולקחתי אתכם - דער בוכ"ע קומט אַראָפּ מיט די גאַנצע פמליא של מעלה אין יעדע שטוב**

**דער** מהר"ל ז"ל שרייבט (גבורות ה', פ"ס), דער יום טוב ווערט אָנגערופן "פסח", "על שום שפסח הקדוש ברוך הוא על בתי בני ישראל", דער אויבערשטער האָט איבערגעהיפּט איבער די אידישע הייזער אין מצרים, ביי מכת בכורות, און די אידישע בכורים זענען געראַטעוועט געוואָרן.

**דאַרף** מען פאַרשטיין, מיט וואָס איז מכת בכורות מער ווי די אַנדערע מכות? אויך ביי די אַנדערע מכות איז געווען קענטיג דער חילוק צווישן די אידן און די מצריים. צום ביישפּיל, ביי די מכה פון דם, ווען דער איד און דער מצרי האָבן געטרינקען פון איין בעכער, האָט דער איד געטרינקען וואַסער און דער מצרי האָט געטרינקען בלוט. דאָס זעלבע ביי די מכה פון צפרדע, די אידישע שטובער זענען געווען ריין פון די פרעש, אָבער די מצרים האָבן געליטן פון דער מכה איבעראַל, אין דער היים, אין אויבן, און אין שלאָף-צימער. אויב אַזוי, מיט וואָס איז מכת בכורות מער ווי די אַנדערע מכות, אַז מיר רופן דעם יום טוב אויף דעם וואָס דער אויבערשטער האָט איבערגעהיפּט די אידישע היימען, ביי מכת בכורות?

**ענטפערט** דער מהר"ל, אַז ביי די אַנדערע מכות, איז עס אינגאַנצן נישט קיין רבותא אַז די מכה האָט נישט געהערשט אויף די אידן, ווייל זיי זענען דאָך געקומען דורך אַ מלאך, און וויבאַלד די אידן זענען העכער אין די מדריגה פון די מלאכים, ווענן דעם האָבן זיי נישט געהאַט אויף זיי אַ שליטה, ווייל אַ מלאך קען נישט געוועלטיגן אויף עמיצן וואָס איז העכער פון איהם. אָבער ביי מכת בכורות, אַז די מכה האָט נישט פּאַסירט ביי די אידן, איז שוין יאָ אַ חידוש, ווייל דעמאָלס איז דאָך דער אויבערשטער אַליין אַראָפּגעקומען אין מצרים און דאָרט גע'הרג'עט די מצרי'שע בכורים. נאָר וויבאַלד די אידן זענען דאָך מיט דעם אויבערשטען גלייך, און זיי זענען אַזוי ווי אַ "חטיבה אחת" מיט'ן אויבערשטען כביכול, ווענן דעם האָט די מכה נישט געשאַדט פאַר די אידן! און דאָס איז דער עיקר שבח וואָס אויף דעם ווערט דער יום טוב גערופן, "פסח". דאָס ווערט נתעורר יעדעס יאָר פסח ביינאַכט ביים סדר, אַז דער אויבערשטער הייבט אויף די אידן צו ווערן איינס מיט דעם אויבערשטען כביכול.

**דער** מהרי"ל שרייבט (סדר ההגדה ג) אַז אין דער סדר נאַכט איז כביכול אַ בחינה פון אַ "חתונה" צווישן די אידן און דעם אויבערשטען, און פונקט אַזוי ווי אַ "כלה בלא ברכה אסורה לבעלה" (מסכת כלה פ"א), אַזוי ביי די דאָזיגע "חתונה", מאַכן מיר אין דער סדר נאַכט "שבע ברכות" איידער מ'עסט די מצה[מב].

**אויך** דער מענטש וואָס שפּירט זיך ווי "פאַרטריבן" פון קדושה [וויר מיר זעהען ביי אדם הראשון (בראשית ג, כד) "ויגרש את האדם", און חז"ל זאָגן (ב"ר פי"ט, ט) אַז דער אויבערשטער האָט איהם געגעבן אַ גט, און ער האָט געהאַט דעם דין פון אַ 'גרושה'], קען ער אין דער סדר נאַכט צוריקקומען צום ברית הנישואין, דורך עסן מצה, אַזוי ווי אדם הראשון פאַר'ן חטא.

**דער** הייליגער רבי ר' מענדעלע זי"ע פון רימנוב זאָגט ("מנחם ציון", ד"ה "ורחץ") אַ טעם פאַרוואָס מ'צוברעכט די מיטלסטע מצה אויף צוויי חלקים, אַז דאָס איז אַזוי ווי מ'מאַכט אַ בונדן צווישן די אידן און דעם אויבערשטען. ער שרייבט: "דאָס צעטיילן דעם אפיקומן (די מיטלסטע מצה) איז אַזוי ווי אַ בונד וואָס מ'מאַכט. ווען צוויי גוטע פריינט טיילן זיך איינער מיט'ן אַנדערן, צעטיילט מען אַ אַ רינגל אויף צוויי חלקים, און יעדער איינער פון זיי נעמט איין האַלבן רינגל, צו געדענקען זייער אייביגע ליבשאַפט. און צוליב דעם צעברעכט מען די מצה, ווייל מיר שליסן אַ בונד מיט אונזער באַשעפער, צו גיין אין זיינע וועגן, און צו היטן זיינע געזעצן", עיי"ש.

**מ'קען** דאָס ערקלערן מיט אַ משל, צוויי גוטע פריינט האָבן זיך געדאַרפט טיילן איינער פון אַנדערן,

---

**מב.** דער ווילנער גאון זצ"ל, רעכנט אויס אין "מעשה רב" (אות קצא) די זיבן ברכות: דריי ברכות ביי קידוש (בורא פרי הגפן, מקדש ישראל והזמנים, שהחיינו), די פערטע - ביי "ורחץ" (וואָס לויט די שיטה פונעם גר"א, מאַכט מען אַ ברכה אויף די נטילה). "בורא פרי האדמה" אויפ'ן "כרפס". די ברכה פון "אשר גאלנו" און "בורא פרי הגפן" אויפ'ן צווייטן כוס, עיי"ש. דער "לבוש" (סימן תעה, סק"ב) שרייבט, אַז די ברכה "על אכילת מצה" איז די זיבעטע ברכה.

און כדי זיי זאָלן שטענדיג געדענקען איינער דעם אַנדערן, נעמען זיי אַ בילד פון זייער געשטאַלט, און צעטיילט עס אויף צוויי טיילן. יעדער איינער פון זיי נעמט פאַר זיך אַ האַלבן בילד, כדי אַז ווען זיי וועלן זיך ווידעראַמאָל באַגעגענען, זאָלן זיי צוזאַמענשטעלן די בילדער.

**דאָס** זעלבע איז ווען מיר צעטיילן די מיטלסטע מצה, מיר מאַכן אַ בונד מיט'ן אויבערשטען. איין האַלבע מצה, גיט מען פאַר דעם אויבערשטען ברוך הוא, און די צווייטע העלפט האַלט מען פאַר זיך, און ווען מ'דערנענטערט זיך צום אויבערשטען אין די אַנדערע טעג פון יאָר, איז מען דורך דעם זוכה צוצוענדיגן דאָס "בילד", און באַפעסטיגן דעם בונד מיט'ן באַשעפער ברוך הוא[מג].

**דער** מהר"ל זצ"ל זאָגט, אַז מ'טוט אָן אַ קיטל פסח ביינאַכט, ווייל יעדער איד איז פסח ביינאַכט ווי דער כהן גדול ווען ער טוט די עבודה "לפני ולפנים" אין יום כיפור.

**דער** "חתם סופר" זאָגט אין די דרשות (דרוש לשבה"ג, שנת תקסב) אויף דעם וואָס מיר זאָגן ביים אָנהויב סדר "כל דכפין ייתי ויכול". פרעגט דער "חתם סופר", פאַרוואָס רופט מען נישט אויס אין בית המדרש, איידער מ'גייט אַהיים פון שול פסח ביינאַכט, "כל דכפין ייתי ויכול", נאָר ערשט יעצט, ביים סדר, ווען די אָרימעלייט האָבן שוין מסתמא וואו צו עסן אין דער סדר נאַכט?

**ענטפערט** דער "חתם סופר", אַז מ'קען טאַקע נישט אויסקלאַפּן אויף דער בימה אין בית המדרש און אויסרופן "כל דכפין ייתי ויכול", ווייל דאַן וועלן טאַקע קומען גאָר אַ סאַך מענטשן, און מיר האָבן דאָך נישט צוגעגרייט אינדערהיים פאַר אַזוי פיל מענטשן ביים סדר. נאָר וואָס דען, ווען מ'הייבט אָן זאָגן די הגדה פסח ביינאַכט, זאָגן די חז"ל (זוה"ק, מובא בהגדש"פ) אַז דער אויבערשטער קומט אַראָפּ מיט די גאַנצע פמליא של מעלה אין יעדן אידישן הויז, ווייל דער אויבערשטער זאָגט, איך וויל הערן ווי מיינע קינדער לויבן מיך היינט ביינאַכט, און דאָס גיט מיר דעם כח כביכול.

**דאַן** ווערט אַ אידישע שטוב, אין דער בחינה פון בית המקדש, וואָס חז"ל זאָגן (אבות פ"ה, מ"ה) "מעולם לא אמר אדם לחבירו, צר לי המקום שאלין בירושלים", אַ איד האָט קיינמאָל נישט געזאָגט צו זיין פריינט, עס איז מיר ענג אין ירושלים צו נעכטיגן, און אין בית המקדש זענען די אידן געווען "עומדין צפופין, ומשתחוין רוחים" (אבות פ"ה, מ"ה). זיי זענען געשטאַנען צוזאַמענגעדריקט, אָבער זיי האָבן זיך געבוקט בריווח, ווייל ס'איז געוואָרן אַ סאַך פלאַץ אין בית המקדש ווען די אידן זענען דאָרט געקומען. ממילא קענען מיר שוין זאָגן "כל דכפין ייתי ויכול", ווייל עס איז דאָ פלאַץ פאַר יעדן איינעם וואָס וויל עסן מיט אונז.

**איי,** וואָס איז מיט עסן? מ'האָט דאָך נישט צוגעגרייט גענוג עסן צו קענען זאָגן "כל דכפין ייתי ויכול"?

**ענטפערט** דער "חתם סופר", אַז מיר געפינען ביים לחם הפנים, אַז עס איז אַריינגעקומען אין דעם די ברכה, "כהן שהגיעו כפול היה אוכל ושובע"

---

**מג.** די מקובלים שרייבן ("יסוד ושורש העבודה", שער ט, פ"ו) אַז ס'איז כדאי אַז יעדער איינער זאָל אַרויסזאָגן מיט'ן מויל די "סימנים" ביים סדר: "קדש, "ורחץ", ביז "נרצה".

האָבן צדיקים געזאָגט אַ טעם דערפאַר, ווייל די חז"ל זאָגן (ב"מ כז.) אַז אויב מ'געפינט אַן אבידה, דאַרף מען צוריקגעבן צום באַלעבאָס מיט "סימנים". במשך דעם יאָר, קען דער מענטש אַמאָל פאַרלירן זיינע רוחניות'דיגע מדריגות, צוליב די שווערע מלחמה וואָס ער דאַרף שטענדיג פירן מיט'ן יצר הרע, וועלכער שטאַרקט זיך כסדר אויף איהם. די סדר נאַכט איז מסוגל אַז מ'זאָל קענען צוריקבאַקומען די "אבידות" וואָס מ'האָט פאַרלוירן, דורך דעם וואָס מ'זאָגט אַרויס מיט'ן מויל די "סימנים" פונעם סדר.

מענין לענין, דער מיטעלער בעלזער רב הרה"ק רבי יהושע'לע זי"ע האָט אַמאָל פסח ביינאַכט, באַלד ביים אָנהייב פונעם סדר, געזאָגט אַלע "סימנים" פונעם סדר: "קדש, ורחץ" וכו', ביז "נרצה", און דערנאָך האָט ער אָנגעהויבן מיט'ן זאָגן "קדש". אַנדערע האָבן געזאָגט, אַז ס'איז מעגליך אַז דער בעלזער רב האָט געוואָלט מרמז זיין, אָפּט מאָל דערמאַנט מען זיך ווען מ'האַלט שוין ביי "נרצה", אַז מ'האָט נישט אויסגענוצט די הייליגע נאַכט ווי געהעריג, און מ'האָט עס געקענט אויסנוצן אויף אַ בעסערן אופן. צוליב דעם האָט דער בעלזער רב געזאָגט אַלע סימנים, אונז צו לערנען, זעה נאָר, מ'קומט שוין ניט זיין באַלד אָן צו "נרצה", און לאָמיר נישט זיין ווי דער שוטה וואָס פאַרלירט וואָס מ'גיט איהם...

(יומא לט.), אפי' מען האט נאר געגעסן אזוי ווייניג ווי א בונדל, איז מען שוין זייט געווארן, ווייל עס איז אריינגעקומען א ברכה פון דעם אויבערשטען אין די מאכלים אין בית המקדש.

**אויך** געפינען מיר אז אלישע הנביא האט געזאגט צו די שונמית, אז זי זאל אוועקשטעלן דאס פלעשל אויל, "אסוך שמן", נעבן די וואנט, און עס וועט געשעהן א נס און ס'וועט קומען גענוג אויל. ממילא, ווען דער אויבערשטער קומט אראפ מיט זיין פמליא של מעלה צו אונזער סדר, קען פאסירן א נס אז עס זאל זיין גענוג צו עסן אויך פאר "כל דכפין ייתי וייכול".

**דער** ראפשיצער רב זי"ע שרייבט אויף די ווערטער פון בעל ההגדה "וכל המרבה לספר ביציאת מצרים הרי זה משובח", וויפיל דארף מען דערציילן וועגן יציאת מצרים, אז עס זאל זיין גענוג? זאגט ער, מיר געפינען ביי שבת, אז דער אויבערשטער האט געזאגט פאר משה רבינו ע"ה (שבת י:) "מתנה טובה יש לי בבית גנזי ושבת שמה, לך והודיעם". איך האב א גוטע מתנה באהאלטן אין מיינע אוצרות פאר די אידן, און איר נאמען איז שבת, לאז וויסן פאר די אידן וועגן די מתנה. די כוונה דערפון איז, אז א איד גרייט זיך צו צום שבת, אין דער בחינה פון "לך והודיעם", שפירט ער אן אמת'ן טעם אין שבת.

**דאס** זעלבע איז מיט דער סדר נאכט פון פסח, א מלאך און א שרף קענען נישט האבן א השגה אין די גרויסע אורות וואס קומען אראפ אין דער סדר נאכט פון פסח. דערפאר "כל המרבה לספר", אפילו מ'זאל דערציילן א מיליאן מאל וועגן די נסים, קען מען נישט האבן א השגה וואס מ'דערגרייכט דעמאלס, און דאס קומט פאר יעדעס יאר אין דער סדר נאכט פון פסח.

### כבני חורין - זיצן ביים סדר פריילך און אויפגעלייגט

**דער** "סדר היום" שרייבט אז אין דער הייליגער נאכט פון פסח, דארף יעדער מענג זיין, סיי דעם נפש און סיי דעם גוף און צו וויזן אז ער איז פריי. און ער זאל דערווייטערן פון זיך יעדע זארג[מד] און צער[מה] וואס ער האט פון ערגעץ אנדערש[מו].

---

**מד.** דאס איז דער עיקר פון אלע עיקרים אין דער נאכט פון פסח, מ'זאל זיך פרייען מיט די חסדים פון דעם אויבערשטען וואס ער האט אונז ארויסגענומען פון מצרים, ווי עס שטייט אין זוהר הקדוש (ח"ב מ:. וואס א סאך אידן פירן זיך צו זאגן ביים אנהייב פון דער הגדה), אז יעדער איד וואס דערציילט וועגן די ניסים פון יציאת מצרים, און ער פרייט זיך מיט'ן סיפור יציאת מצרים, איז ער אנגעגרייט זיך צו פרייען מיט דער שכינה אין עולם הבא, וואס דאס איז די גרעסטע שמחה פון אלע שמחות, ווייל דער מענטש פרייט זיך מיט זיין האר.

מיר זעהען ווי דער שטן רוקט אונטער פאר'ן מענטש פארשידענע שטרויכלונגען, כדי חלילה צו שטערן די שמחה פון יום טוב, און גורם צו זיין פאר דעם מענטש צער און עגמת נפש ח"ו. א קלוגער מענטש האט אבער זיינע אויגן אין קאפ, און ער גיט אכטונג נישט אריינצופאלן אין די נעץ פונעם יצר הרע, און ער אנטלויפט פון כעס אויף זיך אדער אויף אנדערע, אזוי ווי א מענטש אנטלויפט פון פייער...

מ'דערציילט א וואונדערליכע זאך, וועגן דעם גאון רבי יצחק הוטנער זצ"ל, וועלכער איז פון זיין נאטור געווען זייער מסודר'דיג און ריין. איין יאר פסח ביינאכט, האט איינער פון די אנוועזנדע ביים סדר, גערוקט דעם טיש, און עס האט זיך אויסגעגאסן פונעם בעכער וויין, דער "כוס יין מלא כברכת ה'", אויף דעם שיינעם בלישטשעדיגן קיטל פונעם ראש ישיבה. עס איז געווען אין דער בחינה פון "אזיל חיורא ואתא סומקא". דער קיטל איז געווארן איבערגעדרייט פון ווייסן קאליר, צום רויטן קאליר...

דער גרויסער ראש ישיבה, הרב הוטנער ז"ל, האט זיך אבער נישט געקימערט דערמיט, און מיט א רואיגן און געלאסענעם טאן, האט ער זיך אנגערופן:

- א קיטל אן וויין, איז אזוי ווי א יום כיפור'דיגער מחזור אן צייכענס פון טרערן...

אין צוגאב צו דעם וואס מיר קענען לערנען פון די מעשה, ווי ווייט הרב הוטנער איז געווען אפגעהיטן אין כבוד הבריות, און ער האט חס געווען אויף יענעם אז ער זאל חלילה נישט פארשעמט ווערן, קענען מיר לערנען דערפון ווי אזוי מ'דארף אננעמען יעדע "שטרויכלונג", רואיג און געלאסן...

**מה.** אויך אויב דער מענטש שפירט אז אלע טויערן פון לעכטיגקייט זענען פארמאכט פאר איהם, און ער איז אזוי ווי א שטיקל טרוקן האלץ, אן א התעוררות אין הארץ, זאל ער נישט ווערן מיואש ח"ו, נאר ער זאל וויסן, אז ביי דעם אויבערשטען איז קיין שום זאך נישט באליבט אזוי ווי א צובראכן הארץ.

און אַוודאי דאַרף מען נישט זאָגן אַז ער זאָל נישט אַרויסרופן יעצט קיין שום קריגעריי[מז]. "אלא הכל יהיה בשלום והנחה" - נאָר אַלעס זאָל זיין רואיג און געלאַסן. "ולא יתן פתחון לבעל דין לחלוק" -און ער זאָל נישט עפענען אַ טיר פאַר דעם בעל דין -דעם מקטרג ח"ו- זיך צו קריגן.

---

הרה"ק רבי שמואל קאַרוב'ער זי"ע, פון די גרויסע תלמידים פון הייליגן רבי'ן פון לובלין זי"ע, האָט געליטן פון שרעקליכע אָרימקייט ל"ע, אָבער ער האָט שטענדיג מקפיד געווען נישט צו בעטן הילף ביי מענטשן. ער פלעגט נעמען פון מענטשן, נאָר אויב מ'האָט איהם אַליין געגעבן געלט צום לעבן.

איין יאָר פאַר פסח, איז דאָס דחקות אין הויז פון רבי שמואל, געווען שרעקליך. ער האָט נישט געהאַט קיין געלט צו קויפן אַפילו אַ כזית מצה, און פאַר די פיר כוסות אין דער סדר-נאַכט. פונדעסטוועגן, האָט ער נישט געוואָלט טוישן זיין קפידא, און ער האָט טאַקע נישט געבעטן געלט פון קיינעם. אַזוי האָט זיך אָנגערוקט דער יום טוב, און דאָס הויז איז ליידיג...

ערב פסח, איז דער עושר רבי שלמה קאָנסקיוואָלער ז"ל, געווען ביים הייליגן רבי'ן פון לובלין זי"ע, און דער רבי האָט איהם באַפוילן צו שיקן תיכף ומיד אַלע צרכי יום טוב צו דעם חסיד רבי שמואל קארובער. זעלבסט-פאַרשטענדליך, אַז רבי שלמה האָט געפאָלגט. ער האָט געשיקט אַ וואָגן מיט גרויס הרחבה, פול מיט מצות און וויין, און אויך מאכלים מעדנים, צו דעם חסיד רבי שמואל קאַרובער. דער וואָגן איז אָנגעקומען אין הויז פון רבי שמואל, עטליכע שעה פאַר'ן זמן פון ערב יום טוב.

דערזעהענדיג דעם וואָגן מיט אַלע צרכי החג, איז רבי שמואל אַריין אין אַ געפיל פון גרויס עקסטאַז און שמחה, אַז ער וועט זוכה זיין מקיים צו זיין די מצוות היום בדיצה וחדוה. נאָך גרעסער איז געווען זיין פרייד פון דעם וואָס ער האָט נישט געדאַרפט ברעכן זיין אַלטע קבלה, נישט צו בעטן נדבות ביי מענטשן.

יום טוב ביינאַכט, האָט ער מיט אַ געפיל פון שמחה און התרוממות הרוח, אָפּגעראַכטן דעם סדר מיט געהויבענע מוחין, שפירנדיג אַז ער האָט נאָך קיינמאָל נישט געהאַט די זכיה צו פראַווען אַזאַ סדר...

די צווייטע נאַכט פסח, האָט רבי שמואל איינגעדרימלט, און ער האָט זיך קוים דערוועקט - נאָך איידער ער האָט באַוויזן צו דאַווענען מעריב - נאָנט צו חצות הלילה. ער האָט שנעל געדאַוונט, און געזאָגט די הגדה אין איילעניש, און אַזוי אויך האָט ער מקיים געווען גאָר גיך אַלע מצוות הלילה, כדי ער זאָל באַוויזן צו עסן דעם אפיקומן פאַר חצות (ער האָט מקפיד געווען צו עסן דעם כזית אפיקומן פאַר חצות, אויך די צווייטע נאַכט יום טוב). ער איז געווען טרויעריג און צובראָכן, נאָכ'ן אָפּריכטן דעם סדר אויף אַזאַ געאיילטן אופן.

אַ צייט שפעטער, ווען ער איז געקומען קיין לובלין צום רבי'ן, האָט דער הייליגער "חוזה" זיך אָנגערופן:

- לאָמיר זעהן, ווי אַזוי עס האָבן אויסגעזעהן די סדרים האַיאָר ביי רבי שמואל. דעם ערשטן סדר, האָט ער געפּראַוועט מיט געהויבענע 'מוחין', ער איז ממש 'געפלויגן אין הימל', אָבער דאָס איז נישט דער תכלית... דער צווייטער סדר וואָס ער האָט געפירט, איז נישט דאָ אויף דער וועלט עמיצער וואָס קען פירן אַזאַ הייליגן, געהויבענעם סדר!...

קומט אויס, אַז דער סדר וואָס רבי שמואל קאַרובער האָט געפירט מיט אַ צובראָכן האַרץ און אָן חשק, איז אָנגענומען געוואָרן אין הימל לרחמים ולרצון, מער ווי דער סדר וואָס ער האָט געפּראַוועט אין אַ געהויבענע שטימונג, אַ נאַכט פריער.

**מו.** די ספרים זאָגן בדרך מליצה, אַ טייטש אויפ'ן פסוק (שמות יג, ז) "ולא יראה לך חמץ ולא יראה לך שאור". עס זאָל נישט געזעהן ווערן אויף דעם פנים פון מענטש, 'פאַרזויערטקייט' ("חמץ" און "שאור"), נאָר אין יעדן מצב, זאָל דער מענטש זיין פול מיט שמחת החיים.

מ'זאָגט אַ רמז, שמייכ"ל איז ראשי תיבות ל'א י'ראה י'מצא ל'ך מ'שהו ש'אור כ'לל...

אויף דעם זאָגן אָבער די חז"ל (פסחים ה:) "שלך אי אתה רואה, אבל אתה רואה של אחרים". ווען אַן אַנדערער האָט אַ צרה ח"ו וואָס איז גורם אַז ער זאָל זיין "פאַרזויערט", דאַן זאָלסטו איהם יאָ "זעהן", און זיך משתדל זיין צו דערפרייען זיין האַרץ, און אָפּטוהן פון איהם יעדן צער און ווייטאָג.

**מז.** דער חיד"א זצ"ל שרייבט ("מורה באצבע", סי' ז) אַז די נאַכט פון פסח שיינט אַזוי ווי די זון מיט אַ שטאַרקייט, און מיט הימלישע לעכטיגקייטן, און צוליב דעם זוכט דער יצר הרע אַ טיר אַריינצוקומען צו איינעם פון די בני בית אָדער פון די משרתת דורך מחלוקת און כעס. "החכם עיניו בראשו", צו אַכטונג געבן צו פאַרמאַכן די טיר, און אַוועקוואַרפן יעדע קריגעריי, און אַריינברענגען (אין די טיר פון זיין האַרץ) ליבשאַפט".

**והגדת לבנך** - איבערגעבן אמונה אין די קומענדיגע דורות

**איינע** פון די מצוות היום איז, 'והגדת לבנך', צו דערציילן סיפור יציאת מצרים פאַר די קינדער[מח].

**עס** שטייט אין ספה"ק 'אוהב ישראל' (לפסח, ד"ה 'יכול מראש חודש'), אַז כאָטש מ'איז מחויב אויך במשך פונעם יאָר, צו געדענקען יציאת מצרים, און אויב דער

---

מורא'דיגע ווערטער, שרייבט דער הייליגער "בני יששכר" זי"ע, אין זיין ספר "דרך פקודיך" (מצוה יג, אות ד) אַז ס'איז מעגליך אַז מדרבנן דאַרף מען מחמיר זיין ווען מ'עסט דעם קרבן פסח, נישט צו געבן צו עסן דערפון פאַר עמיצן אויף וועמען חז"ל זאָגן אַז ער איז אַזוי ווי איינער וואָס דינט עבודה זרה. צום ביישפיל, איינער וואָס איז אין כעס, וואָס חז"ל זאָגן (עי' שבת קה:) "כל הכועס כאילו עובד עבודה זרה".

"וביותר, כל המשבר כלי בחמתו, יהיה בעיניך כאילו עובד עבודה זרה" - יעדער וואָס צעבראַכט אַ כלי ווען ער איז אויפגערעגט, דאַרף זיין אין דיינע אויגן אַזוי ווי איינער וואָס דינט עבודה זרה.

קענען מיר צולייגן, היינטיגע צייטן, ווען מיר קענען ליידער נישט מקריב זיין דעם קרבן פסח, דאַרף מען אָבער פונדעסטוועגן, זייער שטאַרק זיך דערווייטערן פון דעם מינדעסטן טראָפּן כעס, ווייל בקרוב וועט דער בית המקדש געבויט ווערן, און ווער פון אונז וויל דען נישט זוכה זיין געציילט צו ווערן מיט די בני החבורה אויפ'ן קרבן פסח. אויך היינט איז דאָ מקום פאַר אַ חשש (זעה דאָרט, אין "דרך פקודיך", אות יג), ווייל ס'איז מעגליך אַז אויך דעם אפיקומן טאָר מען נישט געבן צו עסן פאַר אַ כעסן, ווייל דער אפיקומן איז דאָך אַ זכר צום קרבן פסח.

אַ וואונדערליכן טעם בדרך רמז, זאָגט דער שאָפּראָנער רב, הגה"צ רבי שמעון ישראל פּאָזען זצ"ל, פאַרוואָס מ'באַקט נישט מצות אין יום טוב פסח זעלבסט, ווייל חמץ ווייזט אויפ'ן יצר הרע. בשעת מען באַקט מצות אויף פסח, מוז מען דאָך אָנקומען צו אַביסל "כעס דקדושה", צום ביישפיל, דער משגיח און די אַנדערע ממונים, שרייען און יאָגן אונטער אַלע באַטייליגטע אינעם מצה-באַקן. מכח זייער אויפגאַבע אַכטונג צו געבן, מוזן זיי זיך דאָך אַביסל בייזערן אויף די אַנדערע, ווען זיי יאָגן זיך נישט אונטער. פּסח, טאָר מען זיך אָבער נישט בייזערן אַפילו מיט אַ "כעס דקדושה", ווייל דער מדרש זאָגט (ילקוט שמעוני, דברים, פ"ג), אויף דעם פסוק (דברים ד, לד) "לקחת לו גוי מקרב גוי", אַז פסח ווערן די אידן גערעכנט אַזוי ווי ניי-געבוירענע מענטשן, און ס'איז באַקאַנט אַז אַ ניי-געבוירן קינד איז מער עמפּפינדלעך ווי עלטערע, און יעדע קלייניגקייט וואָס שאַדט נישט פאַר ערוואַקסענע, קען שאַטן פאַר קינדער... צוליב דעם טאָר מען זיך נישט בייזערן, אַפילו מיט אַ כעס דקדושה. (מיט דעם פאַרענטפערט ער אויך די יעניגע וואָס פירן זיך נישט צו באַקן מצות ערב פסח נאָך חצות, ווייל דאַן איז שוין דאָ אַ חיוב פון ביעור חמץ - דער יצר הרע וואָס ברענגט דעם מענטש צו כעס.) וועגן דעם טאָר מען זיך נישט בייזערן, אַפילו מיט אַ כעס דקדושה.

דער טאָלנער רבי, הרה"ק רבי יוחנן טווערסקי זצ"ל, האָט פסח ביינאַכט געפירט דעם סדר פון גרויס יראה און התלהבות (ער האָט געהאַט בירושה אַ קאַפּל פון זיין זיידן הרה"ק רבי ר' זושא זי"ע פון האַניפּאָלי, און דער קאַפּל, האָט ער אָנגעטוהן נאָר פסח ביינאַכט, בדחילו ורחימו).

איין יאָר פסח ביינאַכט, אינמיטן סדר, איז אַן אייניקל פון טאָלנער רבי'ן, אַ יונג קינד, אַריינגעקומען מיט אַ פלעשל ביר אין האַנט... אַלע אָנוועזנדע זענען אויפגעציטערט געוואָרן זעהענדיג אַז מ'האָט געפינען אין דער סדר נאַכט, חמץ גמור אין הויז פונעם רבי'ן. דער רבי אַליין, האָט זיך אָבער אויפגעשטעלט פון אָרט, און מיט אַ רואיגן טאָן געזאָגט פאַר דעם קינד, ער זאָל אַראָפּלייגן דאָס פלעשל ביר אויף דער ערד. דערנאָך האָט ער גענומען אַ טאָפּ, און צוגעדעקט דערמיט דאָס פלעשל. דערנאָך האָט עס איבערגעדעקט מיט אַ ווייסן טישטוך לכבוד יום טוב, און מיט ליבשאַפט האָט ער געזאָגט צום קינד:

- איך דאַנק דיר פאַר דעם וואָס דו האָסט מיך מזכה געווען מקיים צו זיין די ווערטער פון חז"ל (פסחים ו.) "כופה עליו את הכלי". די הלכה איז דען געזאָגט געוואָרן פאַר גוים?... עס איז דאָך זיכער געזאָגט געוואָרן פאַר אונז, און געלויבט איז דער באַשעפער, אַז ער האָט מיך מזכה געווען צו קענען פאָלגן די ווערטער פון אונזערע הייליגע חכמים!

די עובדא, לערנט אונז אַ שטאַרקן לימוד, אַז נישט נאָר וואָס ער האָט זיך נישט פאַרלוירן צו געפינען די שולד פאַר'ן פלעשל ביר ביי דעם און ביי יענעם, און אַריינצופאַלן אין כעס איבער דעם גרויסן מכשול וואָס האָט פּאַסירט ביי איהם אין הויז, נאָר ער האָט נאָך באַדאַנקט דעם קליינטשיגן פאַר דעם וואָס ער האָט איהם מזכה געווען מקיים צו זיין די הלכה פון "כופה עליו את הכלי".

**מח.** דער משגיח הגאון רבי אליהו לאפּיאַן זצ"ל האָט דערציילט, אַז ער האָט געהערט אין קעלם פון אַ תלמיד חכם מיט'ן נאָמען רבי בצלאל, אַז ער איז געווען פסח ביינאַכט ביים סדר פון זיין זיידן, דער גאון בעל 'מלבושי

זון וועט פרעגן זיין טאַטן, דאַרף דער טאַטע איהם דערציילן וועגן יציאת מצרים און אַנדערע עיקרים פון אמונה, פונדעסטוועגן קען פּאַסירן אַז די ווערטער פונעם טאַטן זאָלן נישט אַריינדרינגען אין האַרץ פונעם זון, ווייל נישט שטענדיג איז ער מוכשר עס אָנצונעמען, אָבער אין דער נאַכט פון פסח, ווערט נתעורר אין זייערע הערצער אַ גרויסער אור, וואָס העלפט זיי אויפכאַפּן און איינזאַפּן אין זיך די אמונה ווי אַ נאָגל וואָס ווערט אַריינגעשטעקט אין דער וואַנט. דעמאָלס האָט דער טאַטע דעם כח איינצופלאַנצן די אמונה אין די הערצער פון די קינדער, און דער טאַטע דאַרף רעדן מיט'ן זון לויט זיין פאַרשטאַנד, און אַזוי אַרום עס לאָזט איבער אויף איהם אַ רושם פון קדושה פאַר'ן גאַנצן לעבן.

**און** נישט נאָר דאָס, נאָר יעדער איינער, סיי דער טאַטע, סיי די קינדער זענען בכוח צו פאַרשטיין מער ווי ער פאַרשטייט במשך פון גאַנצן יאָר.

**דער** 'טור' זאָגט (או"ח סי' קמו) אַז מיר זאָגן אין שמונה עשרה, 'השיבנו אבינו לתורתך', ווייבאַלד די אידן זענען דאָך די קינדער פונעם אויבערשטען, ווי דער פסוק זאָגט (דברים יד, א) 'בנים אתם לה' אלוקיכם', און אויב מיר זענען דעם אויבערשטען'ס קינדער, איז ער דאָך אונזער פאָטער, און חז"ל זאָגן (קידושין ל.) אַז דער טאַטע איז מחויב צו לערנען תורה מיט זיין זון, וועגן דעם בעטן מיר, השיבנו 'אבינו' לתורתך, ווייבאַלד דו ביזט אונזער פאָטער, דאַרפסטו מיט אונז לערנען דיין תורה.

**זאָגט** דער בעלזער רב, הרה"ק מהרי"ד זי"ע, די משנה זאָגט (פרק ערבי פסחים, שם) 'לפי דעתו של בן אביו מלמדו', דער טאַטע לערנט מיט זיין זון, לויט דעם פאַרשטאַנד פונעם זון. דאָס איז אָבער נאָר געזאָגט געוואָרן ביי מענטשן, אַז דער טאַטע קען לערנען מיט זיין קינד, נאָר לויט וויפיל דאָס קינד פאַרשטייט (ער קען דאָך נישט אַריינגעבן אין קינד'ס מח מער שכל און פאַרשטאַנד וויפיל דער באַשעפער האָט איהם געגעבן), אָבער דער אויבערשטער, 'אבינו שבשמים', וואָס איז דער 'חונן לאדם דעת', קען דאָך יאָ לערנען מיט אונז, זיינע ליבע קינדערלעך, אויך 'מער' ווי מיר פאַרשטייען, ער קען לערנען מיט אונז וויפיל ס'גייט...

**אויף** דעם בעטן מיר, 'ושאינו יודע לשאול', אויך איינער וואָס פאַרשטייט גאָר ווייניג. 'את פתח לו' - זאָל דער אויבערשטער איהם עפענען דעם מח, אַז ער זאָל קענען פאַרשטיין מער.

**עס** שטייט אין 'קרן לדוד' (געדרוקט אין די הקדמה צו די הגדה 'חסדי דוד'), אַז יעדע טאַטע איז מחויב צו לויבן און דאַנקען דעם אויבערשטען פאַר אַלע גוטע זאַכן און חסדים וואָס ער טוט מיט אונז, מיט הייליגע געפילן און גרויס התלהבות, ביז עס ווערט איינגעקריצט אין די הערצער פון די קינדער די אמת'ע אמונה אין דעם אויבערשטען. און אויב דער זון זעהט אַזאַ סדר ביי זיין טאַטן, ווערט ער דאָך אַליין אויך נתעורר ווען ער זעהט די התלהבות פונעם טאַטן, און עס מאַכט אַ רושם אין

---

יום טוב' זצ"ל. איידער ער האָט אָנגעהויבן זאָגן די הגדה, איז ער געזעסן אויף זיין אָרט עטליכע מינוט אַן איבעראַשטער. דערנאָך האָט ער געזאָגט הויך אויפ'ן קול: פונקט אַזוי ווי מיר רעכטן אָפּ דעם 'סדר' מיט אונזער משפחה, אַזוי טוען אַלע מענטשן אין שטאָט אָפּרעכטן דעם סדר, 'כצורתו וכמתכונתו'. דאָס זעלבע אויך אין אַגאַנצן אַרומיגן ראַיאָן, און אויך אַלע מענטשן פונעם לאַנד, און אויך איבער דער גאַנצער וועלט פירן זיך אידן אַזוי, מ'איז מקיים די מצוות פון מצה און מרור און מ'זאָגט די הגדה.

און דער 'מלבושי יום טוב' האָט פאָרגעזעצט: צי ווייסט איר וואו מיר האָבן געזעהן דעם דאָזיגן 'סדר'? ביי אונזערע עלטערן, און זיי האָבן עס צוגעזעהן ביי זייערע עלטערן, און אַזוי העכער און העכער, צו די פריערדיגע דורות, אחרונים און ראשונים, און פאַר זיי, די גאונים, די אמוראים און תנאים, און אַלע פריערדיגע דורות, ביז דעם דור פון די מקבל התורה... און אויף זיי זאָגט דער פסוק (שמות יט, ד) 'אתם ראיתם אשר עשיתי למצרים', זאָגט רש"י: 'לא מסורת היא בידכם, ולא בדברים אני משגר לכם, לא בעדים אני מעיד עליכם, אלא אתם ראיתם אשר עשיתי למצרים.

ווען ער האָט געענדיגט זאָגן די ווערטער, האָט דער 'מלבושי יום טוב' אָנגעהויבן זאָגן די הגדה מיט התרגשות און אמונה, 'קדש, ורחץ' וכו'. מיט די דאָזיגע ווערטער, האָט ער געוואָלט אַריינברענגען אַלע אַנוועזנדע אין אַ מצב אַז זיי זאָלן אַליין זעהן יציאת מצרים, אַזוי ווי עס האָט פּאַסירט מיט זיי אין דער יעצטיגער צייט.

זיין האַרץ איינצופלאַנצן אין זיך די אמונה אין באַשעפער, און ער וועט זיך חלילה קיינמאָל נישט אָוועקרוקן פון זיין אמונה[מט].

**אין** די גמרא (פסחים קטז:), איז דאָ אַ מחלוקת צווישן בית שמאי און בית הלל ביז וואו מ'זאָגט הלל ביים סדר, לויט די בית שמאי, דאַרף מען זאָגן ביז 'אם הבנים שמחה', און לויט די בית הלל, זאָגט מען ביז 'חלמיש למעינו מים'.

**זאָגט** דער 'קרן לדוד', אַז די ביידע שיטות רעדן וועגן דעם 'אופן' ווי אַזוי מ'דאַרף זאָגן הלל פסח ביינאַכט. די בית שמאי האַלטן ביז 'אם הבנים שמחה', דאָס הייסט, סיי די מאַמע, סיי די קינדער אַרום דעם טיש, זאָלן זיך פרייען מיט די התלהבות פון די מצוות פון דער היינטיגער נאַכט, און די בית הלל זאָגן, 'חלמיש למעינו מים', אַ רמז, אַז אפילו אויב דאָס האַרץ פון מענטש איז 'האַרט ווי אַ שטיין' ('חלמיש'), זאָל ער זיך אויסגיסן דאָס האַרץ ביז ער וועט וויינען מתוך שמחה, ווי מיר געפינען ביי רבי עקיבא אַז ער האָט געוויינט ווען ער האָט געזאָגט שיר השירים, וואָס זיין געוויינט איז נישט געווען אַ געוויין פון צער, נאָר פון שמחה און דביקות אין דעם אויבערשטען[נ] (ט"ז או"ח סי' רפח סק"ב).

---

**מט.** דוד המלך ע"ה זאָגט אין תהלים (לא, כ) 'מה רב טובך אשר צפנת ליראיך, פעלת לחוסים בך נגד בני אדם'.

זאָגט הרה"ק רבי מאיר'ל דזשיקוב'ער זי"ע, אין 'אמרי נועם' (סדר הגדה של פסח, ד"ה 'או יאמר סימן יחץ'), געוויינליך דאַרף דאָך דער מענטש דינען דעם אויבערשטען באַהאַלטענערהייט, און נישט מפרסם זיין זיינע גוטע מעשים ברבים, אָבער פאַר זיינע קינדער, דאַרף ער דאָך יאָ דינען דעם אויבערשטען אָפען, כדי זיי זאָלן זיך פון איהם אַראָפּלערנען צו גיין אויפ'ן ערליכן וועג.

דאָס איז די כוונה פון פסוק: 'מה רב טובך' - די גוטע זאַכן, מצוות און מעשים טובים, דאַרף מען טוהן אויף אַן אופן פון 'אשר צפנת ליראים', ווייל ערליכע אידן, יראים ושלימים, טוהן זייער עבודה באַהאַלטענערהייט, אָבער 'פעלת לחוסים בך' - ווען דאַרף מען יאָ דינען דעם אויבערשטען אויף אַן אָפענעם וועג? 'נגד בני אדם' - ווען מ'איז צוזאַמען מיט די קינדער, כדי זיי זאָלן זיך אַראָפּלערנען פון איהם דעם דרך ה'.

דאָס איז אויך מרומז אין דעם וואָס מיר צוברעכן די מצה ביי דעם סימן פון 'יחץ', מ'באַהאַלט דעם 'גרעסערן' חלק (פאַר'ן אפיקומן), און דאָס 'קלענערע' שטיקל לייגט מען צוריק צווישן די מצות, ווייל דאָס באַהאַלטענע דאַרף זיין גרעסער ווי דאָס אָפענע, און וועגן דעם באַהאַלט מען דעם גרעסערן חלק. פונדעסטוועגן, איז אַ 'מנהג ישראל תורה' אַז די קינדער כאַפּן דעם אפיקומן וואָס איז דאָס גרעסערע שטיקל, אונז צו לערנען, אַז אין דער סדר נאַכט, וואָס איז דער זמן ווען מ'דאַרף איינוואָרצלען אמונה אין די קינדער, דאַרף מען אויפדעקן אויך דעם חלק וואָס מ'באַהאַלט במשך פונעם יאָר.

און אויף דעם זאָגט דער תרגום אונקלוס, 'והגדת לבנך - ותחוי לבנך', דאָס הייסט, דו זאָלסט ווייזן די זאַכן פאַר דיין זון, ווייל אין דער דאָזיגער נאַכט דאַרף מען יאָ אַרויסווייזן אינדרויסן דאָס אייגענע פנימיות.

**נ.** אין דער שטאָט מאַנשעסטער אין ענגלאַנד, האָט געוואוינט אַן עלטערער איד מיט'ן נאָמען ר' יעקב יוסף ווייס ז"ל. ער האָט איבערגעלעבט אַלע שווערע צרות אין דער ביטערער צווייטער וועלט מלחמה, און איז נפטר געוואָרן בשיבה טובה, זקן ושבע ימים. יעדעס יאָר ביים סדר פלעגט ער דערציילן, אַז ווען ער האָט געשמאַכטעט אין ביטערן לאַגער, איז צוזאמען מיט איהם דאָרט געווען זיינער אַ גוטער חבר, וועלכער איז צוזאַמען מיט איהם דעפּאָרטירט געוואָרן אין לאַגער. ר' יעקב יוסף פלעגט שטענדיג מחזק זיין דעם חבר, ער זאָל נישט פאַלן ביי זיך און זאָל נישט אויפגעבן האָפענונג, ווייל דער אויבערשטער פירט די וועלט, 'ה' הוא האלוקים', און 'אין עוד מלבדו'. אויב דער אויבערשטער וועט זיי וועלן אַרויסראַטעווען פון דאָרט, וועט ער זיי ראַטעווען. יענער חבר האָט אָבער נישט געקענט אויסהאַלטן די ביטערע יסורים רח"ל, און ער פלעגט איהם שטענדיג טשעפּען, אַז ס'איז איהם זייער שווער צו גלייבן אינעם באַשעפער אין אַ צייט ווען אידישע קינדער געפינען זיך אין אַזעלכע שווערע אומשטענדן, און די רשעים געוועלטיגן איבער זיי.

ר' יעקב יוסף האָט אָבער קיינמאָל נישט פאַרלוירן זיין אמונה אין דעם אויבערשטען, און ער האָט געזאָגט פאַר זיין חבר איינמאָל און נאָך אַמאָל, אַז מיט'ן אויבערשטען'ס הילף וועלן זיי נאָך געראַטעוועט ווערן פונעם 'גיא צלמות', און זיי וועלן זוכה זיין אַרויסצוגיין 'מאפילה לאור גדול'.

**דער** גאון בעל 'חתם סופר' זי"ע, האט געזאגט א טעם פאר דעם מנהג ישראל תורה אנצוטוהן א 'קיטל' אין דער נאכט פונעם סדר, ווייל אין דער נאכט איז יעדער טאטע מחויב איבערצוגעבן פאר זיין זון די ניסים וואס דער אויבערשטער האט געטוהן מיט אידישע קינדער, וואס די גאנצע אידישע אמונה איז אנגעוויזן דערויף, און כדי ער זאל עס קענען טוהן בשלימות, טוט דער טאטע אן א 'קיטל', וואס איז א ווייסער בגד, ענליך צו תכריכים, און דאס וועט איהם דערמאנען דעם יום המיתה און ממילא, 'אם לא עכשיו, אימתי'. אזוי וועט ער געדענקען אז ער דארף אויפשטעלן דורות וואס זאלן ממשיך זיין אין דעם אויבערשטען'ס וועגן מיט אמונה פשוטה[נא], און אזוי קען ער איבערגעבן אויפ'ן בעסטן אופן אלע גבורות פון דעם אויבערשטען און זיינע וואונדער, פאר'ן קומענדיגן דור[נב].

### הבן שואל - בעטן פון טאטע'ן אין הימל אלע בקשות

**די** משנה זאגט (פסחים קטז.) "מזגו לו כוס שני, וכאן הבן שואל". מ'גיסט אן פאר איהם א צווייטן כוס, און דא פרעגט דאס קינד "מה נשתנה".

---

איין טאג האבן די דייטשע רשעים ימ"ש באפוילן דעם גאנצן באראק, אז אלע זאלן אריינגיין אין גאז קאמער. מיט פארביטערונג האט דער חבר געפרעגט ר' יעקב יוסף, נו, וואס האסטו יעצט צו זאגן? ר' יעקב יוסף איז אבער נישט נתפעל געווארן, און האט ווידעראמאל געזאגט פאר זיין חבר, אז דער אויבערשטער געפינט זיך מיט זיי אויך אין דער גרעסטער הסתרה, ווי חז"ל זאגן (ברכות י.) אז אפילו ווען די שווערד ליגט אויפ'ן מענטשן'ס האלדז, טאר מען זיך נישט מייאש זיין פון דעם אויבערשטען'ס מדת הרחמים.

א קורצע צייט שפעטער, איז דער רשעות'דיגער 'עס עס' מאן אנגעקומען צו פארמאכן די טיר פונעם גאז קאמער, אבער צוליב דער גרויסער צאל מענטשן אריינגעשטיפט האט ער נישט געקענט פארמאכן די טיר. וויבאלד ר' יעקב יוסף איז געווען א 'בעל בשר', האט ער איהם ארויסגעשלעפט אינדרויסן, און דאן האט די טיר זיך צוגעמאכט און ליידער זענען אלע אידן וואס זענען געווען אין גאז קאמער אומגעקומען על קידוש השם, ה' ינקום דמם. ר' יעקב יוסף איז אבער געראטעוועט געווארן פון א זיכערן טויט אין דער לעצטער מינוט.

ר' יעקב יוסף פלעגט אויספירן זיין סיפור און זאגן, אז די שטארקע אמונה איז געווארן איינגעווארצלט ביי איהם אין הארץ ווען ער איז געזעסן ביים סדר-טיש פון זיין טאטן, וועלכער פלעגט מעורר זיין די מסובים מיט ווערטער פון אמונה אין דעם גרויסן שטארקן באשעפער.

**נא.** ענליכע ווערטער, זאגט אויך דער 'חתן סופר' (הגדה של פסח, ד"ה 'ושאינו יודע לשאול'), אז מ'טוט אן דעם קיטל כדי צו דערמאנען פאר דעם מענטש אז נאך 120 יאר ... וועט ער זיין אנגעטוהן אין 'ווייסע קליידער', און ער וועט דעמאלס שוין נישט קענען מקיים זיין די מצוות פונעם באשעפער, נאר ער וועט דעמאלס דארפן אנקומען צו זיינע קינדער אז זיי זאלן זאגן קדיש לעילוי נשמתו און טוהן מצוות פאר איהם. ער מוז זיי מחנך זיין ווי געהעריג און משפיע זיין אויף זיי צו גיין אויפ'ן דרך התורה והמצוות, און דער זמן איז גאר שטארק מסוגל דערפאר אין דער סדר-נאכט פון פסח.

ענליך האט געזאגט דער גאון רבי שמעון שוואב זצ"ל, אסאך מאל זאגט דער טאטע פאר זיין זון מיט שטרענגע ווערטער ער זאל טוהן א געוויסע זאך, אבער דאס קינד שפירט עפעס אז דער פאטער רעדט נאר 'מן השפה ולחוץ', און ער מיינט עס נישט ערנסט מיט'ן גאנצן הארץ. אבער ווען דער טאטע טוט באפעלן דעם זון ווייל ער האלט שוין חלילה ביים אוועקגיין פון דער וועלט ל"ע, איז נישט דא קיין ספק אז ער רעדט פון טיפן הארצן, ווייל ווען א מענטש האלט שוין ביים אוועקגיין וועט ער נישט איבערגעבן א ליגן פאר זיינע קינדער. דעריבער פירט מען זיך אנצוטוהן א 'קיטל' אין דער סדר-נאכט, וואס איז די נאכט ווען מ'טוט איינווארצלען אמונה אין די קינדער, אז מ'זאל דעמאלס זיין אזוי ווי איינער וואס טראגט שוין די תכריכים, און ווי איינער זאגט פאר זיינע קינדער, 'הנה אנכי הולך ל...', און דאס איז מיין אמת'ער רצון אז איר זאלט גלייבן מיט'ן גאנצן הארץ אין אונזער ליבן טאטן אין הימל.

**נב.** איין יאר, איידער דער גרערער רבי, הרה"ק בעל 'בית ישראל' זי"ע, האט אויסגעטוהן דעם 'קיטל' נאכ'ן סדר, האט ער געזאגט צו די חסידים: 'היינט טוט מען אן דעם קיטל, און נאכ'ן סדר טוט מען עס אויס. אבער ווייסן זאלט איר, אז עס וועט קומען א טאג וואס דעמאלס טוט מען אן פאר'ן מענטש די ווייסע קליידער, און מ'טוט עס מער נישט אויס'...

**האָבן** צדיקים געטייטשט, אַז חז"ל האָבן מרמז געווען מיט זייערע הייליגע ווערטער, אַז ווען מ'פרעגט "מה נשתנה", ווערן אַן "עת רצון" אין הימל, און מ'קען דעמאָלס בעטן אַלע בקשות וואָס מ'וויל בעטן. "הבן שואל" - די אידן, וואָס ווערן אָנגערופן "בנים למקום", קענען דעמאָלס בעטן און פאָדערן וואָס זיי דאַרפן האָבן.

**אַזוי** שרייבט אויך דער "בית אהרן" (עט:), אַז זיין טאַטע, הרה"ק רבי אשר סטאָלינער זי"ע, האָט געזאָגט, "כאן הבן שואל", "שואל" איז פון לשון שאלה און בקשה, דאָס הייסט, אַז דאָ קען אַ איד בעטן און פאַרלאַנגען פון זיין טאַטן אין הימל אַלעס וואָס ער דאַרף האָבן. "ולקבל חיות על כל הדברים בלילה הזה, ולהשיג מה שלא עמל ויגע על זה" - און ער קען באַקומען אויך זאַכן אויף וועלכע ער האָט נישט געהאָרעוועט און זיך געפּלאָגט דערויף.

**ספּעציעל** קען מען פועל'ן פאַר חשובי בנים זיי זאָלן שוין געהאָלפן ווערן מיט זרע של קיימא[נג].

---

דער הייליגער רבי ר' שמעלקא זי"ע פון ניקלשבורג האָט געזאָגט, אויב מ'וואָלט צוריקגעברענגט אַ 'טויטן' פונעם עולם העליון אויף דער וועלט אפילו אויף עטליכע שעה, וואָלט דער 'לעבעדיגער מת' אַוודאי געלאָפן מיט אַלע כוחות אין בית המדרש, און אויסגענוצט יעדע סעקונדע צו טוהן מצוות און מעשים. ער וואָלט נישט פאַרברענגט אַפילו איין רגע צו 'כאַפּן אַ שמועס' מיט זיינע חברים, וועגן פאַרשידענע 'נייעס' און אַנדערע דברים בטלים... דאָס זעלבע איז פסח ביינאַכט, 'ליל שימורים', וואָס איז הייליג פאַר'ן באַשעפער, און יעדע רגע פון דער היינטיגער נאַכט איז ווערט אַ גאַר גרויס פאַרמעגן, און כדי מ'זאָל נישט פאַרברענגען די צייט מיט נאַרישקייטן, האָט מען אונז באַפוילן אָנצוטוהן אַ 'קיטל', כדי מיר זאָלן זיך פאָרשטעלן גלייך ווי מ'האָט אונז אַראָפּגעשיקט פון עולם העולם אויף עטליכע שעה צייט...

**נג.** דער "אור החיים" הקדוש זאָגט (פרשת בא) אויפ'ן פסוק (שמות יג, ח) "והגדת לבנך ביום ההוא לאמור". זאָגט דער "אור החיים" הק', דער פסוק זאָגט "לאמור", וויבאַלד ער האָט דאָך געזאָגט "והגדת לבנך" - דו זאָלסט זאָגן פאַר דיין זון. פרעגט ער, גאַנץ רעכט אויב ער האָט אַ זון, אָבער אויב ער האָט נישט אַ זון, איז ער דען פטור פון די מצוה פון סיפור יציאת מצרים? אויף דעם זאָגט דער פסוק "לאמור", אַז ער דאַרף כאָטש זאָגן אויך פאַר זיך אַליין, "בינו לבין עצמו". וועסטו פרעגן, אויב ער דאַרף זאָגן אַפילו פאַר זיך אַליין, אויב אַזוי, פאַרוואָס זאָגט דער פסוק "לבנך"?

ענטפערט דער "אור החיים", אַז ס'איז מעגליך, אַז אויב ער וועט זאָגן די הגדה וואָס שטייט דאָ אין די פרשה, וועט דער אויבערשטער איהם העלפן אַז ער זאָל זוכה זיין צו זאָגן פאַר זיין זון.

[עס זענען דאָ אידן וואָס פירן זיך צו לערנען די דערמאַנטע ווערטער פונעם "אור החיים" הקדוש נאָכ'ן סדר פסח ביינאַכט, אַלס אַ סגולה געהאָלפן צו ווערן מיט זרע של קיימא. אַ סאַך אידן זאָגן עדות, אַז זיי זענען טאַקע געהאָלפן געוואָרן בדבר ישועה ורחמים נאָכ'ן לערנען די הייליגע ווערטער פונעם "אור החיים".

אויך האָבן מיר געהערט פון אַ חשוב'ן דיין, אַז זיין זון האָט פיר יאָר נאָך די חתונה נאָך נישט געהאַט קיין קינדער, און אין חודש אלול, פרשת כי תבוא, ווען ער האָט זיך געגרייט פאַרצולערנען זיין שיעור קבוע אין ספר "אור החיים" הקדוש, ווען ער איז אָנגעקומען צו די פסוקים פון "ארמי אובד אבי", האָט ער זיך דערמאָנט פון דער סגולה צו לערנען די ווערטער פונעם "אור החיים" אויפ'ן פסוק "והגדת לבנך ביום ההוא", און בטעות האָט זיך איהם געדאַכט אַז אויך דער דאָזיגער פסוק שטייט אין פרשת כי תבוא. ער האָט געזוכט דאָס וואָרט, אָבער ער האָט עס נישט געטראָפן, ביז ער האָט זיך דערמאָנט אַז עס שטייט אין פרשת בא, האָט ער תיכף געלערנט דאָס שטיקל "אור החיים" אין פרשת בא, און ביז צען חדשים איז ער געהאָלפן געוואָרן מיט אַ בן זכר למזל טוב. זעהען מיר פון די מעשה, אַז דאָס לערנען די דערמאַנטע ווערטער פונעם "אור החיים" הקדוש, איז מסוגל אויך ווען מ'לערנט עס "שלא בזמנו" - און אַוודאי אין דער סדר נאַכט פון פסח.]

נאָך אַ טעם ווערט געברענגט פאַרוואָס די נאַכט פון פסח איז מסוגל געהאָלפן צו ווערן מיט קינדער, ווייל חז"ל זאָגן דאָך (תענית ב.) אַז דער שליסל פון אַ "חיה" (אַ יולדת) איז נישט איבערגעגעבן געוואָרן אין די הענט פון די מלאכים, נאָר עס איז אין די הענט פון דעם אויבערשטען אַליין. קומט אויס, אַז פסח ביינאַכט, ווען עס איז אַ גרויסער עת רצון און שעת הכושר, ווייל דער אויבערשטער כביכול קומט אַראָפּ אין יעדעס אידישע הויז מיט

און אויך דאָס איז אין כלל פון "הבן שואל", אַז מ'קען בעטן אויף אַ זון.

**אויך** איינער וואָס האָט שוין זוכה געווען צו האָבן קינדער, זאָל ער מקיים זיין "הבן שואל", צו בעטן פאַר די קינדער, אַז זיי זאָלן גיין בדרך הישר והטוב[נד], און די תפילות אין דער סדר-נאַכט זענען בכח צו שפּאַלטן אַלע הימלען, און קענען איינוואַרפן אַלע מחיצות וואָס טיילן אָפּ צווישן אידן און זייער גרויסן טאַטען אין הימל[נה].

**עס** איז אויך די צייט צו בעטן מ'זאָל זוכה זיין צו עפענען דאָס האַרץ צו די הייליגע תורה, ווי עס שרייבט דער "ויגד משה" (להגה"צ רבי משה יהודה כ"ץ זצ"ל מסערדאהעלי, סכ"א, אות יג), אַז ער האָט געזעהן אין אַ כתב-יד פון דעם גאון בעל מחבר ספר שאלות ותשובות "משנה שכיר" ז"ל, וואָס ער שרייבט אַז אין ספר "כורסייא דאליהו", פון אַ הייליגן מקובל אין ירושלים, ברענגט ער אין נאָמען פון די מקובלים, אַז ווען מ'פרעגט "מה נשתנה", איז מען גורם צו עפענען דאָס האַרץ צו די תורה, און ווענן דעם האָט ער איינגעפירט ביי זיך אינדערהיים, אַז יעדער איינער וואָס זיצט ביי זיין סדר-טיש, פרעגט "מה נשתנה", און איז מתפלל אַז ער זאָל זוכה זיין צו עפענען דאָס האַרץ, און נאָך דעם ווי אַלע פאַרזאַמלטע ענדיגן פרעגן "מה נשתנה", זאָג איך אַליין אויך "מה נשתנה", עכ"ל.

**תאכלו מצות - די מצה טוט אונז אויסהיילן ברחניות ובגשמיות**

**דער** גאַנצער יו"ט דרייט זיך אַרום די הייליגע מצוה פון אכילת מצה. אוודאי, ישראל קדושים מיר טוהן אַלע וואָס עס שטייט אין די תורה הק', אבער ס'איז פשוט אַז מ'קען עס נישט טוהן סתם אַזוי, נאָר אַזאַ גרויסע און הייליגע מצוה פאָדערט זיך די ריכטיגע הכנה און התבוננות, וויסן און פאַרשטיין די הייליגקייט דערפון.

**ס'איז** באַקאַנט וואָס עס שטייט אין זוהר הקדוש (ח"ב קפג:) אַז מצה איז 'מיכלא דאסוותא' - אַ מאכל

די גאַנצע פמליא של מעלה, קען יעדער איד דעמאָלס בעטן דעם אויבערשטען, און פועל'ן פאַר זיך זרעא חייא וקיימא, אמן.

אַ יונגערמאַן אַ בן טובים, וועלכער האָט לאַנגע יאָרן נאָך דער חתונה נישט זוכה געווען צו זרע של קיימא, האָט זיך אויסגעוויינט דאָס האַרץ פאַר איינע פון די צדיקי הדור, האָט דער צדיק איהם געזאָגט ער זאָל גוט אַדורכלערנען די הגדה של פסח מיט די מפרשים, פון אָנהייב ביז'ן סוף. דער יונגערמאַן האָט אַזוי געטוהן, און אָנגעהויבן לערנען די הגדה מיט די פירושים פון די ראשונים, און ביז אַ קורצע צייט איז ער געהאָלפן געוואָרן בדבר ישועה ורחמים.

איבעריג צו זאָגן, אַז ער איז געקומען צום רבי'ן כדי איהם אָנצוזאָגן די גוטע בשורה אַז ער איז געהאָלפן געוואָרן, האָט דער רבי איהם געענטפערט בפשטות: "כ'האָב אַליין נישט געוואוסט ווי ווייט עס דערגרייכט די דאָזיגע סגולה...".

**נד.** הרה"ק בעל "עקידת יצחק" מ'אלכסנדר זצ"ל הי"ד, האָבן זיך געפירט צו זאָגן יעדעס יאָר, "וכאן הבן שואל" - דאָ קען מען בעטן אויף קינדער, און אויף גוטע קינדער.

**נה.** אַ חשוב'ער יונגערמאַן, וואָס האָט לאַנגע יאָרן געוואַרט אויף זרע של קיימא, האָט אַמאָל ביי "מים שלנו", ביים ביאַלער רבי'ן הרה"ק רבי יחיאל יהושע זי"ע, אויסגענוצט דעם שעת הכושר, און געוויינט פאַר'ן ביאַלער רבי'ן ער זאָל פועל'ן פאַר איהם אַ ישועה. האָט דער ביאַלער רבי איהם געזאָגט:

- צדיקים האָבן דאָך געזאָגט, אַז אין דער סדר-נאַכט, פאַר 'מה נשתנה', קען מען בעטן אויף קינדער, ווי עס איז מרומז אין די ווערטער פון די הייליגע חכמים, 'כאן הבן שואל'. דעריבער איז מיין עצה, ביי 'מה נשתנה' זאָלסטו זייער שטאַרק בעטן, און דו וועסט זוכה זיין צו אַ ישועה...

למעשה, אָבער, האָט דער יונגערמאַן געהאַט אַסאַך טירדות אין דער סדר-נאַכט, און ער האָט זיך זייער געאיילט צו קענען אָנקומען צום ביאַלער רבינ'ס סדר, און דאָס האָט געפירט דערצו אַז ער האָט פאַרגעסן צו בעטן אויף קינדער ביי 'מה נשתנה'. ווען ער איז אָנגעקומען צום סדר פונעם ביאַלער רבי'ן, האָט דער רבי איהם צוגערופן, און איהם געפרעגט מיט ווייטאָג, "פאַרוואָס האָסטו פאַרגעסן צו בעטן?...". האָט דער יונגערמאַן זיך באַלד געכאַפּט דערויף, און האָט אויסגענוצט די שעה'ן פון דער הייליגער נאַכט וואָס זענען נאָך איבערגעבליבן, צו בעטן רחמים ותחנונים ביים באַשעפער, און ער האָט צום יאָר זוכה געווען להיפקד בדבר ישועה ורחמים.

וואָס ברענגט אַ רפואה, און 'מיכלא דמהימנותא' - אַ מאכל וואָס טוט איינוואָרצלען אמונה אין האַרץ פון מענטש.

**זאָגט** דער 'תפארת שלמה' (רמזי פסח, ד"ה 'נחזור לענין') אַז ביידע זאַכן זענען איין זאַך. אויב עס פעלט פאַר דעם מענטש די מדה פון אמונה, איז ער אַזוי ווי איינער וואָס עס פעלט איהם ח"ו אַ רפואה, און דאָס עסן מצה, איז מסוגל אויסצוהיילן דעם מענטש וואָס עס פעלט איהם אין אמונה, ווייל דורך אכילת מצה, איז דער מענטש זוכה צו אנערקענען דעם אויבערשטען ברוך הוא.

**עס** שטייט אין ספה"ק 'ישמח ישראל' (להגדה של פסח, אות עה, ד"ה 'כל דכפין'), אַז אויך די גוי'שע דאָקטוירים זענען מסכים אַז מצה איז אַ רפואה פאַר'ן קאָפּ. נאָר זיי זענען 'מתנבאים, ואין יודעים מה מתנבאים' - זיי זאָגן 'נביאות', אָבער זיי ווייסן נישט וואָס זיי זאָגן, ווייל דורך אכילת מצה איז מען טאַקע זוכה צו אמונה, און מ'איז מתקן דערמיט דעם מח וואָס געפינט זיך אין קאָפּ.

**הרה"ק** בעל 'תפארת שלמה' זי"ע שרייבט (שבה"ג, ד"ה 'או יאמר מצות תאכל') נאָך מער, אַז די גרויסקייט פון די מצוה צו עסן מצה איז, ווייל אַנדערש ווי אַלע אַנדערע מצוות וואָס מ'איז מקיים אינדרויסן פון מענטשליכן גוף, ווערט די מצה 'איינגעשלינגען' אין מענטש, און צוליב דעם איז עס מסוגל צו היילן דעם מענטש מיט אַ רפואת הנפש ברוחניות, און עס העלפט איהם אויסרייסן פון זיך דאָס גאַנצע שלעכטס וואָס געפינט זיך אין איהם, ער זאָל קענען זיין דבוק אין דעם באַשעפער.

**אַזוי** האָט גערזאָגט דער הייליגער רבי ר' מענדעלע פון רימנוב זי"ע ('מנחם ציון', דרושים לפסח, ליום ח' אחרון של פסח) אַז אכילת מצה איז מסוגל אַז עס העלפט בטל מאַכן אַלע שלעכטע תאוות פונעם מענטש.

**אויך** שטייט אין זוהר הקדוש (ח"ג, רנא:) אַז דאָס עסן מצה טוט אויסלייטערן די נשמה פון אַ איד, פון יעדן שמוץ און פגם, און נישט נאָר אויף עבירות וואָס מ'האָט געטוהן אין דער פאַרגאַנגענהייט, נאָר ס'איז אויך מסוגל צו רייניגן דאָס נפש פון מענטש אויף להבא.

**אין** 'ישמח ישראל' שטייט (להגדה של פסח, אות נו) אַז מצה איז מעורר צו אהבת ה', און ממילא, ווען מיר ווערן זיין געזונט אויף די חולי הנפש נאָכ'ן עסן מצה - 'מיכלא דאסוותא', ווערן מיר נישט גליסטן צו קיין שום זאַך, נאָר צו דעם אויבערשטען און זיין תורה און מצוות.

**דאָס** איז מרומז אינעם 'אפיקומן', ראשי תיבות 'אפיקו מיני מתיקה'. עס נעמט אַוועק פון דעם מענטש יעדע הנאה פון עולם הזה, ער זאָל זיין דבוק אין דעם באַשעפער[נו].

**פונדעסטוועגן,** זענען די ווערטער פון זוהר הקדוש ריכטיג אויך בפשטות, אַז דאָס עסן מצה ברענגט פאַר דעם מענטש אויך אַ רפואת הגוף בפועל ממש, ווי ס'איז מרומז אינעם וואָרט 'מצה' - ראשי תיבות מ'כל צ'רה ה'צילני[נז].

**צדיקים** האָבן טאַקע במשך פון גאַנצן יאָר, געהאַט אַ גרויסע השתוקקות צו עסן די מצת מצוה בקדושה ובטהרה, און מיט זייער גרויסע קדושה האָבן

---

**נו.** צוליב דעם זענען דאָ אידן וואָס פירן זיך צו טראָגן אין טאַש וואו זיי גייען, אַ שטיקל פונעם 'אפיקומן' פאַר שמירה, אַזוי ווי אא"ז הרה"ק רבי משה מרדכי מלעלוב זי"ע האָט זיך געפירט, צו טיילן פון די 'שמורה' מצות, מוצאי שביעי של פסח, ווייל די גמרא זאָגט (סוכה לח.) 'שיירי מצוה מעכבין את הפורענות', און אַזוי האָבן אַסאַך צדיקים זיך געפירט.

**נז.** הגה"צ רבי צבי קינסטליכער זצ"ל, אבד"ק הערמענשטאט-סעבען, וועמען מ'האָט גערופן 'דער סעבינער רב', איז געווען פון די גדולי הרבנים אין רומעניע פאַר דער ביטערער צווייטער וועלט מלחמה (נאָך דער מלחמה איז ער געקומען קיין ארץ ישראל, וואו ער האָט געוואוינט אין ירושלים און איז געווען נאָנט צו כ"ק הגה"צ רבי ישראל משה דושינסקי זצ"ל. הרה"ק רבי יהודה'לע דזשיקוב'ער זי"ע פלעגט זיך אַסאַך מסתופף זיין בצלו פון סעבינער רב).

איין יאָר חודש ניסן (פאַר דער מלחמה), האָט דער סעבינער רב געליטן פון שטאַרקע יסורים אויפ'ן מאָגן ל"ע, איז ער געפאָרן קיין קלויזענבורג וואו עס האָבן געוואוינט גרויסע פּראָפעסאָרן, און נאָך אינטענסיווע אונטערזוכונגען און 'טעסטן', האָבן די דאָקטוירים איהם געזאָגט אַז ער ליידט פון אַ שווערע מחלה רח"ל. זיי האָבן געזאָגט אַז

מ'דאַרף אַלזאָ זאָפאָרט אָפערירן, כדי איהם צו היילן פון דער מחלה. ווען דער סעבינער רב האָט געהערט די ביטערע בשורה, האָט ער נישט געקענט איינשטימען צו בלייבן אין שפּיטאָל אין משך פונעם יום טוב. ער האָט זיך פאַרלאָזט אויפ'ן באַשעפער און גוזאָגט פאַר די דאָקטוירים אַז ער וועט נישט עובר זיין אויף 'בל תאחר', אויב ער וועט אַהיימפאָרן אויף יום טוב. בלית ברירה, האָבן די דאָקטוירים מסכים געווען אָפצולייגן די אָפעראַציע, אָבער זיי האָבן איהם אָנגעוואָרנט מיט די שטרענגסטע ווערטער, ער זאָל נישט עסן קיין שום מאכל אויסער מילך, אייער און זאַפט פון מאַראַנצן ('אָראַנדזש דזשוס' בלע"ז). שוין אָפגערעדט אַז ער טאָר נישט עסן קיין ברויט, און מצות אין פסח.

אַלזאָ, די סדר-נאַכט פון פסח, האָט דער סעבינער רב געפּראַוועט ווי זיין שטייגער, מיט אַ התרוממות הרוח און התלהבות הנפש מתוך שמחה וחדוה. ווען עס איז געקומען צום עסן די מצה, האָט ער 'אָנגעפיפן' די דאָקטוירים, און געגעסן דעם כסית מצה איינגעווייקט אין מילך, ביידע נעכט פון יום טוב. 'וחסדי ה' כי לא תמנו', אַז אין דער צווייטער נאַכט נאָכ'ן סדר זענען די יסורים אינגאַנצן אַוועקגעגאַנגען, 'כאילו לא היו', און איך האָב נישט געשפּירט קיין שום ווייטאָג.

שבת נאָך פסח, איז דער סעבינער רב אַרויפגעגאַנגען אויף דער בימה, און געלאָזט וויסן פאַר'ן עולם אין שול אַז ער דאַרף ליידער אַדורכגיין אַ געפאַרפולע אָפּעראַציע און ער בעט אַז קהל זאָל מתפלל זיין פאַר איהם ער זאָל זיין געזונט. מיט טרערן אין די אויגן, האָט דער רב זיך ממש געזעגנט פון זיי ווייל ס'איז מעגליך אַז ער וועט חלילה נישט זוכה זיין אויפצושטיין פון קראַנקן בעט געזונטערהייט, ווער ווייסט וואָס דער אויבערשטער וועט אויף איהם גוזר זיין. עטליכע טעג שפּעטער, איז ער צוריק געפאָרן קיין קלויזענבורג צום דאָקטאָר, וועלכער האָט איהם נאָך אַמאָל אונטערזוכט פאַר דער אָפּעראַציע. צו זיין גרויסע איבערראַשונג, האָט דער דאָקטאָר געזעהן אַז די מחלה איז ב"ה אינגאַנצן פאַרשוואונדן. מ'זעהט נישט קיין זכר פון אַ קראַנקהייט...

דער דאָקטאָר איז אַלזאָ געווען זיכער אַז דער רב האָט אינצווישן באַזוכט ביי אַן אַנדערן פּראָפעסאָר וועלכער האָט איהם וואַרשיינליך אויסגעהיילט, און פול מיט התפעלות, האָט ער איהם געבעטן ער זאָל איהם זאָגן ווער ס'איז דער פּראָפעסאָר וואָס האָט באַוויזן איהם גענצליך אויסצוהיילן. האָט דער סעבינער רב איהם געענטפערט, אַז ער איז נישט געווען ביי קיין שום דאָקטאָר, נאָר פסח ביינאַכט ביים סדר האָט ער געגעסן דעם כזית מצה, וואָס איז 'מיכלא דאסוותא', און דורך דעם האָט ער זוכה געווען צו אַ רפואה שלימה. האָט דער דאָקטאָר זיך אָנגערופן: 'עס האָט מיך אייך פאַסירט אַ גרויסער נס', און ער האָט מודה געווען אַז אַלע ידיעות און חכמות פון די דאָקטוירים, זענען 'כאפס וכאין' אַנטקעגן דעם רצון פונעם באַשעפער ברוך הוא.

דער בעל העובדא, דער סעבינער רב זצ"ל, שרייבט די גאַנצע מעשה (געדרוקט אין ספר 'באר צבי', חלק האגרות, מכתב לב) אין אַ בריוו צו זיין ידיד און מחותן הגה"צ רבי ישראל וועלץ זצ"ל, און ער פירט אויס: איך בעט אייך איר זאָלט איבערגעבן דעם אינהאַלט פון מיין בריוו צו מיין זון שיחי', כדי ער זאָל אויך וויסן צו דאַנקען און לויבן דעם אויבערשטען ברוך הוא על כל החסד, און ער זאָל מאַכן די יברכה שעשה נסים לאבותינו'.

עדי שמיעה פלעגן אויך דערציילן מיט בענגשאַפט, ווי אַזוי דער סעבינער רב זצ"ל פלעגט שילדערן די הרגשה וואָס ער האָט געשפּירט, ווי די מצות האָבן ממש גע'פועל'ט אָפּצוטוהן פון איהם אַלע זיינע ווייטאָגן.

אַן ענליכע מעשה האָט פאַסירט אין יאָר תשע"ז. אַ איד פון לעיקוואוד, הרב צבי לאפה שליט"א, האָט ערב פסח געפירט זיין אויטאָ, און פלוצלינג האָט מיט איהם פאַסירט אַ שרעקליכער עקסידענט רח"ל. זיין קאַר האָט זיך איבערגעדרייט און אַלע פיר רעדער זענען 'געשטאַנען' העכער דעם אויטא. די טירן פון די קאַר זענען אינגאַנצן צעשמעטערט געוואָרן, אַזוי אַז די 'הצלה' וואָלונטירן האָבן געדאַרפט אַרבעטן אַ האַלבע שעה אויפצורייסן און צו צעשניידן די רעדער כדי אַרויסצונעמען ר' הערשל'ען פון די קאַר. אַ צעביילטן און פאַרוואונדעטן איז ר' צבי אָפּגעפירט געוואָרן אין שפּיטאָל, און פון די אונטערזוכונגען און בילדער וואָס די דאָקטוירים האָבן דורכגעפירט, האָט זיך אַרויסגעשטעלט אַז ער ליידט פון אַן אינערליכע בלוטונג ('אינטוירנעל בלידינג') אין קאָפּ און שווערע וואונדן אין האַלדז רח"ל. זיי האָבן געזאָגט אַז אין די קומענדיגע חדשים וועט ער מוזן אַריבערגיין עטליכע אָפּעראַציעס.

פסח ביינאַכט, איז ר' צבי געזעסן מיט זיינע בני בית אין זיין צימער אין שפּיטאָל, און האָבן דאָרט געפּראַוועט אַ 'סדר' כהלכתו, 'ככל משפטיו וחוקותיו'. אינמיטן אָפּריכטן דער סדר, איז דער דאָקטאָר אַריינגעקומען אין צימער, און ער האָט זיי 'געכאַפּט ביי דער מעשה', ווי זיי פירן אַ 'סדר' און עסן מצה און מרור, און מ'טרינקט די פיר

זיי געמאַכט די ריכטיגע הכנות פאַר'ן מקיים זיין די גרויסע מצוה בכל פרטיה ודקדוקיה וכוונותיה[נח].

**באמת,** אָבער, האָט די תורה געזאָגט די מצוה פון "בערב תאכלו מצות" נישט נאר פאר צדיקים אויך פאַר אונז פשוט'ע מענטשן, ווייל מיר ווייסן דאָך אַז "אין הקדוש ברוך הוא בא בטרוניא עם בריותיו", צו זאָגן אַז נאָר אויב ער האָט געמאַכט די ריכטיגע הכנה דערצו, ווערט די מצוה גערעכנט ווי אַ געהעריגע מצוה, נאָר יעדער איינער דאַרף זיך צוגרייטן לויט זיינע כוחות און השגות.

**דער** של"ה הקדוש שרייבט (מסכת פסחים, נר מצוה, אות לט) אַז חסידים ואנשי מעשה פלעגן קושן די מצה ווען זיי האָבן עס אויפגעהויבן אין דער סדר-נאַכט פון פסח[נט].

די ערשטע כוונה וואָס מ'דאַרף אין זינען האָבן ביים עסן די מצה, איז אַז ער אויבערשטער האָט אונז באַפוילן די מצוה פון "בערב תאכלו מצות" (שמות יב, יח), און עס איז אַ זכר ליציאת מצרים, ווי דער פסוק זאָגט (פסוק לט) "ויאפו את הבצק אשר הוציאו ממצרים, עוגות מצות כי לא חמץ, כי גרשו ממצרים ולא יכלו להתמהמה, וגם

---

כוסות... דער דאָקטאָר האָט איהם אָנגעקוקט ווי איינעם וואָס איז אַראָפּ פון זינען ל"ע, און ער האָט איהם אָנגעשריגן: 'מאָרגן דאַרפסטו אַדורכגיין אַן אָפּעראַציע, ווי אַזוי וואַגט איר יעצט צו עסן (פאַר אַן אָפּעראַציע, דאַרף דער פאַציענט פאַסטן). אויב איר וועט יעצט עסן, וועלן מיר דאַרפן אָפּלייגן די אָפּעראַציע, וואָס איז פאַר דיר ממש אין גדר פון 'פיקוח נפש'. ר' צבי האָט אָבער, מיט זיין אמונה, פאָרגעזעצט דעם סדר, ווי איינער וואָס זיצט ביי זיך אינדערהיים אָן קיין שום וואונדן אין מוח און אין האַלדז... און וואונדער איבער וואונדער: ווען מ'האָט איהם צומאָרגנס גענומען פאַר אַן 'עקסרעי', האָבן די בילדער געוויזן אַז זיין מוח און דער גאַנצער גוף זענען ב"ה 'ריין', און מ'האָט איהם באַפרייט פון שפּיטאָל...

זעהען מיר דאָך קלאָר אויך פון די מעשה, אַז די מצה איז טאַקע דער ריכטיגער 'מיכלא דאסוותא', און ווי ווייט עס דערגרייכט דער כח הרפואה פון די מצה, אַז ר' צבי איז ב"ה אַרויס פון אַ טויט געפאַר לחיים טובים בבריאות השלימה.

**נח.** איין יאָר פסח ביינאַכט, פאַר'ן עסן דעם כזית מצה, האָט דער הייליגער קדושת לוי זי"ע אויסגעשריגן מיט בענקשאַפט: "רבונו של עולם, אָדער דו אין מיר אַריין, אָדער איך אין דיר אַריין"...

עס איז באַקאַנט, אַז דער וויזשניצער רבי, הרה"ק בעל "אמרי חיים" זי"ע, האָט אַ גאַנץ יאָר גערעדט וועגן עסן די מצה. יעדעס יאָר פאַר'ן יום טוב פסח, איז ער געפאָרן קיין מירון צום הייליגן ציון פונעם תנא האלקי רבי שמעון בן יוחאי, און ער האָט דאָרט מתפלל געווען אַז ער זאָל זוכה זיין צו עסן דעם כזית מצה מיט'ן ריכטיגן דעת, און אַוודאי בשעת'ן עסן די מצה גופא, האָט זיין הייליג געזיכט געפלאַקערט ווי אַ פלאַם פייער מיט אַ הייליגן התלהבות וואָס מ'קען גאָרנישט שילדערן. "אשרי עין ראתה זאת".

דער סלאָנימער רבי, הרה"ק בעל "בית אברהם" זי"ע, האָט אַ גאַנץ יאָר זייער ווייניג געגעסן. די רעביצין פלעגט איהם שטענדיג שטאַרק איינבעטן ער זאָל עסן, זאָגנדיג, "איך האָב דיר צוגעגרייט אַ גוטן מאכל, און דו פאַרזוכסט נישט דערפון"... ער פלעגט אָבער זאָגן, אַז אַזעלכע מאכלים "אַדזשען מיר" (דאָס הייסט, איך שפּירט נישט אין זיי קיין שום טעם, נאָר פאַרקערט). ווען ס'איז אָבער געקומען די סדר-נאַכט פון פסח, נאָכ'ן זאָגן די הגדה מיט גרויס השתפכות כדרכו בקודש, האָט ער געגעסן די מצה בתיאבון, מיט די גרעסטע הידורים. ביי די רעביצין אין די אויגן, האָט דאָס אויסגעזעהן ווי אַ "רעבתנות" חלילה, און זי האָט איהם געפרעגט בדרך כבוד, "צי דען ביזטו געוואָרן אַ בעל תאווה'ניק?". האָט דער "בית אברהם" געענטפערט:

- אַ גאַנץ יאָר, ווען איך שפּיר נישט קיין טעם אין עסן, בעט מען מיך איך זאָל עסן, אָבער איינמאָל אַ יאָר, ווען איך שפּיר שוין יאָ אַ טעם אין עסן, זאָגט מען אויף מיר אַז כ'בין אַ 'בעל תאווה'ניק'... וויסן זאָלט איר אָבער, אַז דאָס איז טאַקע דער אמת, אַז דער מענטש וואָס האַלט זיך איין במשך פון גאַנצן יאָר פון אַנדערע תאוות, איז זוכה צו אַ גרויסע תאווה ביים עסן די מצה...

**נט.** עס ווערט געברענגט אין ספר "בארת המים" (ליום א' של פסח) אַז הרה"ק רבי ר' הירש זי"ע פון רימנוב האָט געזאָגט, אַז אויב ער וואָלט נישט חושש געווען פאַר'ן המון עם (אַז זיי וועלן אָפּשפּעטן פון איהם) וואָלט ער גענומען די מצה אין שול, און ער וואָלט געמאַכט "נענועים", אַזוי ווי מ'מאַכט מיט'ן לולב און מיט'ן אתרוג...

צידה לא עשו להם". און מ'דאַרף זיין זייער געהיטן נישט צו עסן עם "כמצות אנשים מלומדה", און מיט אַ געוואוינהייט ווייל אַזוי האָבן אונזערע עלטערן געגעסן ווען זיי זענען אַרויסגעגאַנגען פון מצרים, און נאָך זיי האָבן אידן אין אַלע דורות זיך אַזוי געפירט, ממצרים ועד הנה... נאָר מ'זאָל אין זינען האָבן צו טוהן דעם רצון פון באַשעפער ברוך הוא, און צו געדענקען דורכ'ן עסן די מצה, די ניסים וואָס דער אויבערשטער האָט געטוהן מיט אונז ווען ער האָט אונז אַרויסגענומען פון מצרים.

**וואונדערליכע** ווערטער, שרייבט דער "רוקח" (הלכות פסח, אות רצא), אַז דער מענטש וואָס עסט מצות אין די זיבן טעג פון יום טוב כהלכתן, ווערט אַ שותף מיט דעם אויבערשטען אין מעשה בראשית. ער ברענגט אַ ראיה דערצו פונעם פסוק (שמות יג, ז) "מצות יאכל את שבעת הימים". דער פסוק זאָגט נישט "שבעת ימים", נאָר "הימים", מיט אַ 'ה"א הידיעה', אונז צו לערנען אַז מ'ווערט ממש אַ שותף אין דער בריאה פון די שבעת ימי הבריאה - די זיבן טעג פון בריאת העולם.

### על מצות ומרורים יאכלוהו - דער זיסער טעם פונעם מרור

**דער** גאון רבי עקיבא איגר זצ"ל שרייבט אין אַ בריוו (מכתבי רעק"א, מכתב יב) בזה הלשון: פסח ביינאַכט, דאַרף מען זיך פירן בקדושה וביראה, און מ'זאָל זיך פרייען מיט די מצוות וואָס דער אויבערשטער האָט אונז מזכה געווען אין דער דאָזיגער נאַכט, די מצות עשה צו מאַכן קידוש, די מצות עשה צו עסן מצה, און די מצוה פון מרור, און ד' כוסות, און דאָס זאָגן הלל. דאָס אַלעס איז אָבער מיט'ן תנאי אַז מ'דאַרף אַכטונג געבן צו עסן דעם כזית מצה בריווח, און נישט בצמצום. אויך ביים מרור, וואָס מען פאַרפעלט פונעם שיעור אַפילו אַביסל האָט מען שאָדן די מצוות.

**שרייבט** רבי עקיבא איגר, ווי איז מעגליך מען זאָל נישט רחמנות האָבן אויף זיך אַליין, און נישט מורא האָבן אַזאַ אַזאַ גרויסע מצוה, וואָס מ'וועט נישט זוכה זיין דערצו ביז עס וועט אַדורכגיין אַ גאַנץ יאָר, און ווער ווייסט אויב ער וועט דעמאָלס לעבן... עס איז גענוג בעוונותינו הרבים די מצוות וואָס מ'איז צוגעוואוינט צו טוהן, אַזוי ווי תפילין און ברכת המזון, וואָס מיר זענען נישט מדקדק דערין, און פאַרוואָס זאָל מען אַזוי טוהן ביי די דאָזיגע מצוות רח"ל. אויך ביי מרור, כאָטש עס איז אַביסל שווער פאַר'ן מענטש, אָבער יעדן טאָג נעמען מיר אויף זיך צו דינען דעם אויבערשטען מיט'ן גאַנצן האַרץ, און פאַרוואָס זאָל מען מקפיד זיין ביי אַזאַ קליינעם צער.

**רבי** עקיבא איגר פירט אויס: 'איך פאַרזיכער אייך, אַז דער מענטש וואָס וועט טוהן די מצוה מיט חשק, און ער וועט טראַכטן מיט שמחה אין יענע רגע, 'איך בין מקיים די מצוה פון מיין באַשעפער', וועט ער כמעט גאָרנישט שפירן אַ טעם פון ביטערקייט (אינעם מרור[ס]), עכ"ל.

**דער** "שפת אמת" (תרל"ב, ליקוטים, ד"ה "מרור"), זאָגט אַ טעם פאַרוואָס מ'עסט מרור פסח ביינאַכט, צו ווייזן אַז אויך דער גלות און די טעג וואָס מיר זענען געפייניגט געוואָרן, זעהען מיר יעצט און מיר גלייבן אַז עס איז געווען צום גוטן, און מיר דאַנקען דערפאַר דעם אויבערשטען, ווייל אויף דעם זענען מיר אַריינגעגאַנגען אינעם בונד פון דעם אויבערשטען, וכו'[סא].

---

**ס.** דער ווישניצער רבי, הרה"ק בעל 'אמרי חיים' זי"ע, האָט אַמאָל געזאָגט, אַז ער פאַרשטייט נישט פאַרוואָס עס ווערט אָנגערופן 'מרור', עס האָט דאָך אַזאַ זיסן טעם...

די כוונה דערפון איז אַזוי ווי די ווערטער פון רבי עקיבא איגר זצ"ל, אַז דער מענטש וואָס פאַרשטייט און טראַכט אַריין אַז מיט זיין עסן איז ער זוכה מקיים צו זיין די מצוה פונעם באַשעפער, וועט ער אַוודאי אינגאַנצן נישט שפירן דעם ביטערן טעם פונעם מרור.

אויך קען מען זאָגן אין דער טיפקייט פון זיינע ווערטער, דורך עסן דעם מרור איז מען מבטל אַלע ביטערקייטן און אַלע דינים, ווי צדיקים האָבן געזאָגט, אַז 'מרור' באַטרעפט 446, אַזוי ווי 'מות' רח"ל. דער 'מרור' איז מבטל דעם 'מות', און ממילא קומט אויס, אַז אין אָנהייב איז עס טאַקע 'ביטער', אָבער צום סוף איז עס 'זיס'.

**סא.** אַ איד וואָס איז געווען אַ גרויסער בעל חוב, נאָך דעם ווי ער האָט געפירט עטליכע קינדער אונטער דער חופה, האָט בלית ברירה גענומען דעם וואַנדער-שטעקן אין האַנט, און איז אַרויסגעפאָרן קיין חוץ לאַרץ, כדי מזכה צו זיין נדיבי עם, צו נעמען אַ טייל אין די הוצאות החתונה פון זיינע זין און טעכטער.

**זאָגט** דער "שפת אמת", אַז דאָס איז די כוונה פון פסוק (במדבר טו, מא) "אני ה' אלקיכם אשר הוצאתי אתכם מארץ מצרים להיות לכם לאלקים". דער פסוק מיינט צו זאָגן, אַז נישט נאָר דאָס אַרויסגיין פון מצרים איז געווען כדי דער אויבערשטער זאָל זיין פאַר די אידן אַ גאָט, נאָר אויך דער עצם גלות איז געווען אַ הכנה דערצו, נאָר דער עיקר דערפון איז די גאולה.

**ענליכע** ווערטער, שרייבט דער "שפת אמת", אויף אַן אַנדער אָרט (שנת תר"מ, ד"ה "אלו"), אַ טעם פאַרוואָס מיר זאָגן "והיא שעמדה". ווייל דאָס גייט אויף אויף דעם גלות אין מצרים און אויף די אויסלייזונג פון דאָרט. און דאָס אַלעס איז געווען אַ הכנה פאַר יעדן דור, ווען די שונאי ישראל טוהען אויפשטיין קעגן אונז. און וועגן דעם פרייען מיר זיך אויך מיט'ן גלות מצרים, און מיר עסן מרור אַלס אַ זכר צו די קנעכטשאַפט, וואָס דאָס אַלעס איז געווען פאַר אונזער טובה, עכ"ל[סב].

**דער** "חתם סופר" זי"ע שרייבט (הגהות לשו"ע או"ח, סי' תעג ס"ה) איינע פון די מינים פון מרור, וואָס מ'איז יוצא דערמיט אין דער סדר-נאַכט פון פסח, ווערט

---

ענדליך, נאָך פילע פלאָגענישן און וואַלגערנישן "בטלטולא דאורחא", איז דער איד ענדליך צוריקגעפאָרן אַהיים. אויפ'ן וועג אַהיים, האָט ער זיך מחזק געווען און געטרייסט, טראַכטנדיג אַז מ'וועט איהם כאָטש אויפנעמען אינדערהיים, מיט אַ שיינעם 'קבלת פנים', אַלס אַ פאַרגיטיגונג פאַר די שווערע וואָכן וואָס ער האָט מיטגעמאַכט. אָנקומענדיג אַהיים נאָך די שווערע נסיעה, איז ער, אַ הונגעריגער, אַריינגעגאַנגען אין קוך, כדי עפּעס צו נעמען אין מויל אַריין צו עסן, אָבער אויפ'ן טיש איז נישט געלעגן אַפילו איין מאכל, און ער האָט זיך אָנגעהויבן אָפּרעדן צו זיך אַליין: אַזוי נעמט מען מיך דאָ אויף?... נאָך עטליכע וואָכן וואָס איך האָב זיך אַליין געלאָזט מבזה זיין פאַר די בני בית, האָבן אַלע פאַרגעסן פון מיר?... צי דען פאַרשטייען זיי נישט, אַז פון אַזאַ וועג, קומט מען אָן אַהיים הונגעריג און אויסגעמאַטערט?!...

האָט ער געהאַט אַ "בויך פול מיט טענות"... ביז ער איז אַריינגעקומען אין גרויסן "דיינינג רום", וואו די משפחה עסט יעדן שבת און יום טוב. דאָרט האָט ער געזעהן אַ געדעקטן טיש מיט אַלע מאכלים ומעדנים, "כיד המלך"... ממש "לשם ולתפארת"... אויך איז דער "סאַלאָן" צוגעגרייט געוואָרן און גערייניגט געוואָרן לכבוד דער סעודה.

עס האָט איהם אַרומגענומען אַ שרעקליכע בושה. ער האָט ממש נישט געוואוסט וואו זיך אַהין צו טוהן פון בושה, אַז ער האָט זיך אָפּגערעדט אויף אַזאַ אופן, אין דער צייט וואָס ווען ער איז נאָך געווען אונטערוועגנס, האָט מען פאַר איהם צוגעגרייט אַזאַ שיינע סעודה...

דער לימוד פון דער "מעשה": מיר דרייען זיך אויף דער וועלט, פול מיט "טענות" צום באַשעפער כביכול, גלייך ווי מיר זענען חלילה "פאַרגעסן" געוואָרן... מ'נעמט אינגאַנצן נישט אין אַכט צו עפענען די אויגן און זעהן אַז דער אויבערשטער כביכול שטייט און ער גרייט-צו פאַר אונז אַלעס גוטס אויף דער וועלט.

דאָס איז מעגליך דער טעם פאַרוואָס מ'טוט אָן אַ ווייסן קיטל פסח ביינאַכט ביים סדר, ווייל אין דער הייליגער נאַכט שיינט אַ גרויסער אור פון אמונה, און מיר זעהען איין דעמאָלס אַז אין דער פינצטערניש האָט מען פאַר אונז צוגעגרייט וואונדערליכע טובות, און אַז אַלעס וואָס האָט בשעתו אויסגעזעהן ווי שלעכטס ח"ו, איז געווען אַ גרויסע טובה... ממילא, ווערט מען פול מיט בושה וכלימה, אַז מ'האָט געהאַט טענות אין לויף פון יאָר. דער מענטש וואָס שעמט זיך, ווערט דאָך זיין פנים בלאַס, ווי חז"ל זאָגן "אזיל סומקא ואתי חיוורא". וועגן דעם טוהען מיר אָן אַ ווייסן קיטל...

דער הייליגער רבי ר' הירש זי"ע פון רימנוב, האָט געזאָגט (און מ'זאָגט דאָס נאָך אויך אין נאָמען פון מיטעלן בעלזער רב זי"ע): "אויף מיין וואָרט, דער 'שאינו יודע לשאול' מאַכט בעסער פון זיי אַלע"... דאָס הייסט, וויבאַלד ער פרעגט נישט קיין קשיות און האָט קיינמאָל נישט קיין תרעומות. ער נעמט אָן אַלעס מיט ליבשאַפט, ווייל ער ווייסט אַז "כל מה דעביד רחמנא לטב עביד".

**סב.** אַזוי זאָגט דער אוהעלער רב, הרה"ק רבי משה יוסף טייטלבוים זצ"ל, אַ זון פון הרה"ק בעל "ייטב לב" זי"ע (געברענגט אין ספר "יצב אברהם" פ' האזינו, אויפ'ן פסוק "כי שם ה' אקרא"), אויף דעם פסוק (שמות יד, לא) "וירא ישראל את היד הגדולה אשר עשה ה' במצרים". "גדולה" איז מרמז אויף מדת החסד (ברכות נח.). ווען דער אויבערשטער האָט

אָנגערופן "תמכא", וועלכע איז ראשי תיבות ת'מיד מ'ספרים כ'בוד א'-ל.

**שרייבט** דער "ליקוטי מהרי"ח" (הנהגות הסדר) אַ כוונה אין די ווערטער פונעם "חתם סופר", עס איז אַ רמז, אַז מיט דעם וויזן מיר אַז אויך ווען די הנהגה פונעם באַשעפער זעהט אויס ווי "מרור" און "תמכא", טוהען מיר נאָך אַלץ דערציילן דעם אויבערשטען'ס לויב. "תמיד" - שטענדיג, לויבן מיר דעם אויבערשטען, אויף יעדן אופן ווי ער פירט זיך מיט אונז, ווייל מיר טוהען אנערקענען אַז אַלעס איז פון דעם אויבערשטען ברוך הוא, און "כל מה דעביד רחמנא לטב עביד".

**דאָס** איז אויך די כוונה פון דעם וואָס עס ווערט גע'פסק'נט (שו"ע או"ח סי' תעה, ס"א) אַז ווען מ'עסט מרור, מאַכט מען נישט "הסיבה", זיך אָנצולענען. ווייל דאָס אָנלענען זיך, ווייזט דאָך אויף פרייהייט, און מרור איז מרמז אויף גלות, און נישט אויף פרייהייט.

**אויב** אַזוי, דאַרף מען פאַרשטיין, פאַרוואָס "כורך", ווען מ'לייגט צוזאַמען מצה און מרור, עסט מען יאָ אָנגעלענט?

**ענטפערט** הרה"ק בעל "תפארת שלמה" זי"ע, ווייל מצה איז דאָך מרמז אויף אמונה, ווי עס ווערט אָנגערופן אין זוהר הקדוש, "מיכלא דמהימנותא" - אַ מאכל פון אמונה. ווען דער מענטש בינדט צוזאַמען ("כורך") דעם מרור און די מצה. דאָס הייסט, ער גלייבט אַז אַלעס וואָס דער אויבערשטער טוט -אויך דער "מרור" - איז פאַר זיין טובה, מיט דעם גופא, ווערט בטל די גאַנצע ביטערניש[סג], ווייל ער ווייסט דאָך אַז אויך דער "מרור" איז לטובה. ממילא, קען ער זיך אָנלענען "דרך חירות", אַזוי ווי אַ קינד פונעם קעניג[סד].

**דער** גערער רבי, הרה"ק בעל "אמרי אמת" זי"ע, פלעגט חזר'ן די ווערטער פון דעם מהר"ל זי"ע ("גבורות ה'", פ"י) אויפ'ן פסוק (בראשית מה, כג) "ולאביו שלח כזאת עשרה חמורים, נושאים מטוב מצרים". זאָגט רש"י, "כזאת - כחשבון הזה". דאַרף מען פאַרשטיין, וואָס האָט רש"י געמיינט צו זאָגן מיט די ווערטער, אַז יוסף האָט געזאָגט "אַזוי ווי דעם חשבון"?

**ענטפערט** דער מהר"ל, אַז יוסף הצדיק האָט געוואָלט מרמז זיין פאַר יעקב אבינו ע"ה, אַז די גאַנצע מכירה וואָס זיינע ברידער האָבן איהם פאַרקויפט קיין מצרים, איז געפירט געוואָרן מיט אַ גענויען "חשבון" פון הימל. ממילא, זאָל יעקב נישט זיין אין כעס אויף זיינע קינדער די הייליגע שבטים פאַר דעם וואָס זיי האָבן פאַרקויפט יוסף'ן, ווייל זיי האָבן דאָס נישט געטוהן

---

געשפאָלטן דעם ים, האָבן די אידן פאַרשטאַנען אַז דער ביטערער שעבוד און אַלע צרות וואָס זיי האָבן געליטן אין מצרים, איז אַלעס געווען פון דעם אויבערשטען'ס "יד הגדולה" - פון דעם אויבערשטען'ס חסדים...

**סג.** די דאָזיגע אמונה ראַטעוועט דעם מענטש פון יעדע צרה.

דער "שפת אמת" זי"ע, ברענגט אין נאָמען פון זיין זיידן, הרה"ק בעל "חידושי הרי"ם" זי"ע ("אמרי הרי"ם", פ' וילך), דער אויבערשטער פאַרשטעלט נישט זיין פנים כביכול פונעם מענטש, נאָר כדי ער זאָל איהם זוכן, ער זאָל אנערקענען די גרויסקייט פון באַשעפער, און תשובה טוהן. ממילא, אויב דער מענטש רופט אויס "וידעתם כי אני ה'" - איך וויס, אַז אַלעס וואָס קומט פאָר מיט מיר איז פון דעם אויבערשטען, האָט דאָך שוין נישט קיין זינען דער הסתר פנים. ממילא ווערט בטל די גאַנצע הסתרה און מדת הדין פונעם מענטש.

**סד.** דער גאון רבי שלמה קלוגער זצ"ל זאָגט (הגש"פ "מעשה ידי יוצר") נאָך שטאַרקער: דעריבער האָט דווקא הלל זיך געפירט צו מאַכן "כורך", צונויפצולייגן די מצה און די מרור און עס עסן, ווייל די גמרא דערציילט (ברכות ס.) אַז אַמאָל איז הלל הזקן אַהיים געקומען פון וועג, און ער האָט געהערט אַ געשריי אין שטאָט. האָט ער געזאָגט, "מובטחני שאין זה בתוך ביתי" - איך בין זיכער אַז דער געשריי קומט נישט אַרויס פון מיין הויז, און אויף איהם זאָגט דער פסוק (תהלים קיב, ז) "משמועה רעה לא יירא, נכון לבו בטוח בה'". מיט זיין גרויסן בטחון אין דעם אויבערשטען, האָט ער איינגעוואָרצלט אויך אין זיינע בני בית, אַז אַלע פּאַסירונגען זענען צום גוטן. ממילא, איז נישט דאָ קיין אָרט צו "שרייען". צוליב דעם האָט ער "איינגעוויקלט" די מצה און מרור און עס געגעסן צוזאַמען, כדי ממתיק צו זיין יעדן סאָרט "ביטערניש", מיט די מצה, וואָס ווערט גערופן "מיכלא דמהימנותא" - אַ מאכל פון אמונה, ווייל הלל איז דאָך געווען זיכער מיט זיין אמונה, אַז אַלעס איז לטובה.

מיט זייער אייגענע בחירה, נאָר אַלעס איז געטוהן געוואָרן אַזוי ווי דאָס "אייזל", וואָס ער מוז טוהן דעם באַגער פון זיין האַר. ער טוט אַלע זיינע פעולות פאַר זיין האַר, כאָטש ער ווייסט נישט און פאַרשטייט נישט וואָס ער טוט. דאָס זעלבע האָבן די שבטים נישט געוואוסט בשעת די מכירה, די מטרה און דעם ציל פון זייער פאַרקויפן יוסף'ן, און דער תכלית פון זייער אַראָפּנידערן קיין מצרים איז דאָך געווען כדי זיי צו שפּייזן אין די יאָרן ווען עס וועט זיין אַ הונגער אין לאַנד, און לעתיד וועלן זיי אַרויסגיין פון מצרים מיט אַ "רכוש גדול", און בעיקר, האָבן די אידן זוכה געווען דורך זייער אַראָפּנידערן קיין מצרים, צו ווערן אַן "עם סגולה". קומט אויס, אַז אַלעס איז געווען צום גוטן.

**שרייבט** דער מהר"ל ווייטער, אויף די ווערטער אין דעם דערמאנטן פסוק, "נושאים מטוב מצרים", זאָגט דער מדרש (ב"ר פצ"ד, ב) אַז "טוב מצרים" מיינט מען "גרים של פול" - געמאָלענע אַרבעס. פאַרוואָס האָט יוסף געשיקט פאַר זיין פאָטער יעקב, געמאָלענע אַרבעס, און דער פסוק באַצייכנט עס נאָך אַלס "מטוב מצרים" - פונעם בעסטן פון לאַנד מצרים?

**ענטפערט** דער מהר"ל ז"ל ("גור אריה", בראשית, שם, "גבורות ה'", פ"י), אַז יעקב אבינו ע"ה האָט דאָך מורא געהאַט צו גיין קיין מצרים, ווייל ער האָט געוואוסט אַז מיט דעם הייבט זיך אָן דער גלות פון אידישן פאָלק. האָט יוסף געוואָלט מרמז זיין פאַר יעקב, אַז פונעם גלות וועט אַרויסקומען אַ טובה פאַר אידן, ווייל זיי וועלן זיך דאָרט מערן, אַזוי ווי דער פסוק זאָגט (שמות א, יב) "וכאשר יענו אותו כן ירבה וכן יפרוץ".

**אויף** דעם האָט יוסף אידהם געשיקט "גריסין של פול", אַרבעס וואָס ווערן צעבראָכן אויף קליינע שטיקלעך ווען מ'צעמאָלט זיי מיט אַ מיל. אַזוי איז אויך געווען מיט די אידן אין מצרים. אַדאַנק זייער שווערע אַרבעט, האָבן זיי זוכה געווען אַז עס זענען געבוירן געוואָרן זעקס קינדער מיטאַמאָל. ווענן דעם זאָגט דער פסוק, "מטוב מצרים", אונז צו לערנען, אַז דייקא פון דעם שיעבוד מצרים, וועט אַרויסקומען אַ טובה פאַר אידישע קינדער.

# שביעי של פסח

## ויאמינו בה׳ - דער טאָג איז מסוגל אויף אמונה

**דער** טאָג פון שביעי של פסח, איז מסוגל קונה צו זיין אמונה אין הייליגן באַשעפער[סה], ווי דער הייליגער רבי ר׳ מענדעלע זי״ע פון רימנוב זאָגט אין ספה״ק ״מנחם ציון״ (סעודת ליל ח׳, אחרון של פסח), אַז ער האָט געהערט פון אַ ״גדול אחד״, איינע פון די תלמידים פון ״מורי זכר צדיק לברכה״ (דער הייליגער רבי ר׳ אלימלך זי״ע פון ליזענסק), אַז ער האָט נאָכגעזאָגט פון זיין רבין, אַז די צייט וואָס איז מסוגל דערפאַר (צו באַקומען אמונה שלימה) איז די נאַכט פון שביעי של פסח. און ער זאָל זיך שטאַרקן צו פאַרבינדן זיין דעת און זיין מחשבה אין די הייליגע צדיקים. דאס איז דערפאר ווייל ביי דעם טאָג שטייט אין פסוק (שמות יד, לא) ״ויאמינו בה׳ ובמשה עבדו״, אַז די אמונה פון אידישע קינדער אין באַשעפער, איז צוגעענדיגט געוואָרן דורך זייער התקשות צו משה.

**שרייבט** דער ״מנחם ציון״ ווייטער, אַז אויך דער מענטש וואָס איז אַלע זיינע טעג מקיים מצוות און מעשים טובים, דאַרף האָבן אַ ׳קליין שטריקל׳ זיך אָנצוהענגען אויף אַ גרויסן בוים, כדי ער זאָל נישט אַראָפּפאַלן פון זיין מדריגה, און יעדער ׳בעל נפש׳ דאַרף חושש זיין אַז ער קען חלילה פאַלן פון דער מדריגה, דעריבער זאָל ער זיך שטאַרקן זיך צו פאַרבינדן מיט אַ ׳קליין שטריקל׳, כדי ער זאָל נישט פאַלן חלילה. דאָס ׳קליינע שטריקל׳ איז אמונה, און אויף דעם האָט דוד המלך ע״ה שוין געבעטן פון זיין יוגנט (תהלים ל, ז) ״ואני אמרתי בשלוי בל אמוט לעולם״, פון דעם טאָג ווען ער אַריין אין גדר פון אַן ״איש״, ביז זיינע עלטערע יאָרן, האָט ער נישט געהאַט קיין מנוחה. ער האָט שטענדיג מורא געהאַט ער זאָל נישט צוריקפאַלן ח״ו, און דערפאַר דאַרף יעדער איינער אַכטונג געבן און זיך שטאַרקן מיט אַלע כוחות נישט צו פאַלן, און זיך אָנכאַפּן אינעם גרויסן בוים אַפילו מיט אַ ״קליין שטריקל״, כדי אַרויפצוגיין ״בהר ה׳״. קומט אויס, אַז אמונה איז די כלי אָנצוהאַלטן אַלע מדריגות און עבודת ה׳.

**אמונה** איז אויך משפיע אַ שפע פון ניסים ונפלאות, ווייל דער גאַנצער נס פון קריעת ים סוף האָט פאַסירט אין זכות פון די אמונה, ווי די חז״ל זאָגן (מכילתא, פ״ג) ״כדאי היא האמונה שהאמינו בי, שאקרע להם את הים״. עס איז ווערד די אמונה וואָס זיי האָבן געגלייבט אין מיר, אַז איך זאָל שפּאַלטן פאַר זיי דעם ים.

**דער** קאָצקער רבי זי״ע האָט געזאָגט, די אידן האָבן געזעהן אַ מורא׳דיגע התגלות אויפ׳ן ים, אַזוי ווייט, אַז חז״ל זאָגן (מכילתא, שירה, ג) אַז אַ דינסט האָט געזעהן ביי קריעת ים סוף מער ווי דאָס וואָס יחזקאל האָט געזעהן אין זיין נבואה, און מיט דעם אַלעם, זענען זיי נאָך אַלץ נישט אָנגעקומען צו די ריכטיגע מדריגה, ביז זיי האָבן געגלייבט אין דעם אויבערשטען און אין משה, ווייל אַלע נביאות און ״חזיונות״ (״וירא״ ישראל את היד הגדולה) זענען נישט אַזוי חשוב ווי אמונה.

**יעדע** רגע וואָס אַ איד גלייבט אויף דער וועלט, איז חשוב און באַליבט ביי דעם אויבערשטען ברוך הוא, ווי עס שרייבט דער ״אבן עזרא״ (פירוש הארוך) אויפ׳ן פסוק (שמות יד, ד) ״וידעו מצרים כי אני ה׳״, לכאורה דאַרף מען פאַרשטיין, די מצריים זענען דאָך שוין געשטאַנען אויפ׳ן ים, און ביז אַ רגע האָבן זיי זיך שוין געקענט דערטרינקען אין ים, אויב אַזוי, וואָס איז געווען דער תכלית פון ״וידעו מצרים״? נאָר מ׳רעדט דאָ סיי וועגן די מצריים וואָס זענען נאָך געבליבן אין מצרים, און סיי וועגן די מצריים וואָס האָבן נאָכגעיאָגט די אידן ביים ים. ״וידעו מצרים כי אני ה׳״ - אפילו בלויז אין די געציילטע מינוטן ביז זיי וועלן אַריינלויפן אין ים און דערטרינקען ווערן, איז אויך כדאי פאַר׳ן אויבערשטען אַז זיי זאָלן זעהן ״כי אני ה׳״. זעהט מען פון דעם ווי ווייט דער אויבערשטער האָט איבערגעדרייט

---

**סה.** ס׳איז כדאי אַראָפּצוברענגען דאָ וואָס עס שטייט אין ספר ״מנהגי מהרי״ל״ (סדר תפילה, אות ה׳) אַז עס זענען דאָ וואָס פירן זיך צו זאָגן ״זמן שמחתנו״ (אנשטאט ״זמן חרותינו״ וואָס מ׳זאָגט גאַנץ יום טוב פסח) אין די תפילת שמונה עשרה פון שביעי של פסח.

די מערכות פון הימל און ערד, אַלעס כדי אַריינצודרינגען אמונה אין דעם אויבערשטען אויך אין די הערצער פון די לייקענער, אַפילו פאַר איין מינוט.

**ויושע ה' ביום ההוא - אין דעם טאָג קען מען אַלעס בעטן פונעם אויבערשטן**

**דער** הייליגער רבי פון לובלין זי"ע האָט געזאָגט (מובא בסו"ס "נהר שלום", ע' פ"א, לנכדו הרה"ק רבי מאיר שלום מקאלושין זצ"ל), אַז צוויי מאָהל אַ יאָר ווערט ווידעראַמאָל נתעורר דער נס פון קריעת ים סוף און אַלעס וואָס איז מרומז דערין (זיווגים, פרנסה, א.ד.ג.). די צוויי זמנים זענען: שביעי של פסח, און שבת שירה.

**ער** איז עס מרמז אין לשון פון פסוק, "אז ישיר משה", א"ז ראשי תיבות אל"ף זיי"ן. אל"ף איז שבת שירה, ווייל "אלף" איז פון לשון לערנען ("ואאלפך חכמה" - איוב לג, לג). דאָס איז אין שבת פרשת בשלח, ווען מ'לייענט די פרשה בשלח. זיי"ן איז דער זיבעטער טאָג פון יום טוב פסח, וואָס איז דער זמן ווען משה און די אידן האָבן געזינגען שירה פאַר דעם אויבערשטען. אין די 2 זמנים, "ישיר משה ובני ישראל", אַ לשון עתיד און אַ לשון הוה, ווייל יעדעס יאָר אין די צוויי זמנים, ווערט פונדאָסניי נתעורר דער ענין פון די שירה, און "ישיר משה ובני ישראל את השירה הזאת לה'", זיי זינגען פונדאָסניי יעדעס יאָר, די שירה פאַר'ן אויבערשטען.

**זאָגט** דער רבי פון לובלין ווייטער, אַז דאָס איז די כוונה פון חז"ל (שבת נא:) "וכל בעלי השיר יוצאין בשיר ונמשכין בשיר". די "בעלי השיר", זענען משה רבינו און אהרן הכהן, און אויך מרים, און דער גאַנצער "דור דעה" וואָס האָבן דעמאָלס געזינגען שירה. יעדעס יאָר אין די צוויי זמנים ווען מ'לייענט די שירה, גייען זיי אַרויס פון גן עדן העליון מיט אַ "שיר", "ונמשכין בשיר", און זיי ווערן "נמשך" אויף דער וועלט מיט די שירה. "ומזין עליהן", זיי זענען ממשיך השפעות טובות און פרנסה אויף די אידן וואָס זענען זיי ממשיך. "וטובלין במקומן" - ווען זיי גייען צוריק צו זייער אָרט אויבן אין הימל, טובל'ט מען זיי אין 'נהר דינור'.

**יעדעס** יאָר שביעי של פסח, ווערן נתעורר די נסים און רחמים וואָס זענען נתעורר געוואָרן דעמאָלס אויף די אידן ביים ים[סו].

**הרה"ק** רבי הערשעלע זידיטשויב'ער זי"ע שרייבט (בפירושו "עטרת צבי"), "כי נפתח אז בנס קריעת ים סוף הישועה לדורות עולם, הן לרבים, הן ליחיד", ווייל דעמאָלס, ביים נס פון קריעת ים סוף, איז געעפענט געוואָרן די ישועה אויף אַלע דורות, סיי פאַר אַ רבים, סיי פאַר אַ יחיד, סיי בכלל, און סיי בפרט, יעדער איינער, אויך אויב עס זענען פאַרמאַכט די טויערן פון פרנסה אָדער פון זיווג ח"ו [וואָס די חז"ל זאָגן (פסחים קיח.) "קשין מזונותיו של אדם כקריעת ים סוף", און "קשה זיווגו של אדם כקריעת ים סוף"] , זאָל ער בעטן

**סו.** הרה"ק רבי שלום בער זי"ע פון ליובאוויטש, האָט אַמאָל שביעי של פסח געזאָגט צו זיין זון, הרה"ק רבי יוסף יצחק זי"ע, "אויב דו וואָלסט געהערט אַז אין אַ מרחק פון עטליכע מייל זענען די וואַסערן פון ים געשפּאָלטן געוואָרן, וואָלסטו געגאַנגען זעהן דעם וואונדערבאַרן מחזה?". דערנאָך האָט ער איהם געפרעגט: "אויב דו וואָלסט געהערט אַז אין אַן אָרט נאָנט פון דאַנעט, איז דער ים געשפּאָלטן געוואָרן, צו וואָלסטו געגאַנגען זעהן דעם נס?". האָט הרה"ק הריי"ץ געענטפערט אַז יאָ, ער וואָלט געגאַנגען אַהין, כדי צו זעהן דעם נס. האָט דער רבי רש"ב געזאָגט צום זון, דעם רבי'ן ריי"ץ:

- וויסן זאָלסטו, אַז יעדעס יאָר שביעי של פסח, ווערן צעריסן די וואַסערן פון ים בפועל ממש...

האָט דער ריי"ץ זיך פאַרענפערט, זאָגנדיג: "וואָס קען מען טוהן, אַז אַלע מענטשן פון דער וועלט זענען בלינד און טויב...". ער האָט געמיינט צו זאָגן, אַז מיט אונזערע גשמיות'דיגע חושים זענען מיר נישט מסוגל צו זעהן ווי דער ים ווערט געשפּאָלטן יאָר-יערליך אין שביעי של פסח, און דערפאַר איז עס אַ שווערע עבודה פאַר אונז צו גלייבן דערין באמת. האָט דער רבי רש"ב איהם געענטפערט:

- וועגן דעם האָבן מיר טאַקע גערעדט, אַז די ניסים פון קריעת ים סוף חזר'ן זיך איבער יעדעס יאָר, און דער חסרון איז נאָר אין דעם מענטש אַליין. אויב ער וואָלט געהייליגט זיינע רמ"ח איברים און שס"ה גידים, וואָלט ער זוכה געווען צו זעהן די מראה פון קריעת ים סוף, בפועל ממש.

אויף דעם עת רצון וואָס ווערט געעפענט ביי קריעת ים סוף, אַז פּונקט ווי עס איז דעמאָלס געעפענט געוואָרן דער טויער, זאָל דער אויבערשטער אויך יעצט העלפן און עפענען די טויערן פון שפע פאַר אידישע קינדער, עכל"ק[סז].

**די** חז"ל (פסחים קיח.) רעכענען אויס צוויי זאַכן וואָס זענען שווער פאַר דעם מענטש, אַזוי ווי קריעת ים סוף: די פרנסה פון מענטש, און זיין זיווג. זאָגט דער רשב"ם (ד"ה "בקריעת") אַז דער אויבערשטער מאַכט אַ גרויסן נס מיט דעם מענטש, אַזוי ווי ער האָט געטוהן מיט די אידן ווען ער האָט פאַר זיי געשפּאָלטן דעם ים. (ווען דעם, איז עס גליייך צו קריעת ים סוף). "ונפקא מינה, למיבעי רחמי" - מ'דאַרף בעטן און מתפלל זיין דערויף.

**דאָס** הייסט, אַ גאַנץ יאָר דאַרף מען אַ סאַך מתפלל זיין אַז מ'זאָל געהאָלפן ווערן מיט פרנסה, אָדער מיט אַ זיווג. אָבער שביעי של פסח, איז דער זמן גופא מסוגל דערפאַר, ווי עס שטייט אין ספה"ק "בני יששכר" (ניסן, מאמר יג, אות ב) אין נאָמען פון זיין מחותן, הרה"ק רבי הערשעלע זידיטשויב'ער זי"ע, אַז דער היתר צו טוהן אַ "מלאכת אוכל נפש" אין יום טוב, האָט די תורה געשריבן ביי די פרשה פון שביעי של פסח, ווי דער פסוק זאָגט (שמות יב, טז) "אך אשר יאכל לכל נפש הוא לבדו יעשה לכם", און פון דאָ לערנט מען אַרויס אויף אַלע ימים טובים, אַז מ'מעג קאָכן אַ מאכל "לצורך אוכל נפש", כדי עס צו עסן אין זעלבן טאָג.

**זאָגט** הרה"ק רבי הערשעלע זידיטשויב'ער, אַז די הלכה פון "היתר אוכל נפש", איז געשריבן געוואָרן דווקא ביי די פרשה פון שביעי של פסח, כדי אונז צו לערנען, אַז אין דעם טאָג ווען עס האָט פּאַסירט דער גרויסער נס פון מסוגל נפש, טוט דער אויבערשטער אַרויסגעבן אַ גזירה אויף גוטע פרנסה פאַר אידן, אַפילו אויב זיי האָבן חלילה נישט גענוג זכותים.

**דאָס** זעלבע איז לגבי אַנדערע השפעות וואָס דער מענטש דאַרף האָבן. איינער וואָס וואַרט אויף אַ זיווג, קען שביעי של פסח צערייסן דעם גזר דין, און פועל'ן צו טרעפן אַ זיווג בקרוב[סח].

**הרה"ק** רבי ר' מענדעלע זי"ע פון רימנוב, זאָגט ("מנחם ציון", השמטה לפ' בא), אַז שביעי של פסח ערפילט דער אויבערשטער אַלעס וואָס דער מענטש פאַרלאַנגט, לטובה ולברכה.

**ער** איז דאָס מסביר בדרך משל, ביי אַ שמחת חתן וכלה, ווען אַלע פרייען זיך מיט חתן-כלה. אויב דער טאַטע פונעם חתן איז אַ בר דעת, קוקט ער אַוועק פון "קליינגקייטן" וואָס געפעלן איהם נישט. צום ביישפּיל, אויב די כלה האָט נישט אָנגעטוהן שיינע צירונג. און אפי' אויב די טאַטע פון די כלה גיט איר נישט די זאַכן וואָס זי דאַרף זיך באַצירן, קוקט ער אַוועק דערפון. עס איז אָבער מעגליך, אַז אַ פעטער פונעם חתן העצט דעם חתן'ס פאָטער פאַרוואָס ער פאַרשווייגט עס. דאָס קען פירן צו אַ קריגעריי צווישן ביידע צדדים, אָבער דאָס מיינט נישט, אַז אויך חתן-כלה קריגן זיך. ניין, זיי לעבן יאָ בשלום. אַזוי בעטן זיך איבער אויך די עלטערן, און מ'פירט זיי אונטער די חופה בשעה טובה ומוצלחת, ממילא קענען אַלע געסט זיך מיטפרייען. דערנאָך פאַרלאַנגען די געסט וויין און אַנדערע געשמאַקע משקאות און מאכלים, און מ'גיט זיי אַלעס נאָך.

---

**סז.** כאָטש מיר פאַרשטייען נישט קיין נסתרות, אָבער מיר גלייבן אַז עס זענען דאָ הויכע בחינות און באַהאַלטענע זאַכן, וואָס זענען העכער פון אונזער שוואַכע השגה, און די חז"ל האָבן אונז אַנטפּלעקט אַז זיי ווערן נתעורר אין די ימים טובים.

דער סלאָנימער רבי, הרה"ק בעל "בית אברהם" זי"ע, האָט אַמאָל פרייטאָג צו נאַכטס ביים טיש, געזאָגט מיט זיין גרויס ענוות:

- איך פאַרשטיי נישט וואָס עס מיינט "חקל תפוחין קדישין", אָבער איין זאַך ווייס איך, אַז מיין טאַטע (הרה"ק בעל "דברי שמואל" זי"ע) פלעגט אַריין פאַלן אין אַ התלהבות ווען ער האָט געזאָגט די דאָזיגע ווערטער. ממילא ווייס איך אַז אין די ווערטער איז באַהאַלטן אַ גרויסער אוצר, און "הנסתר רב מן הנגלה".

**סח.** דער סלאָנימער רבי, הרה"ק בעל "בית אברהם" זי"ע, פלעגט זאָגן פאַר עלטערע בחורים, אָדער פאַר מענטשן וואָס האָבן זיך געפּלאָגט מיט פרנסה, אָדער האָבן געדאַרפט אַ רפואה, אַז מ'זאָל אויסזאָגן גאַנץ תהלים שביעי של פסח, ווייל דער זמן איז מסוגל געהאָלפן צו ווערן בכל מילי דמיטב.

**דער** נמשל איז: די זיבן טעג פון יום טוב פסח, זענען אַזוי ווי זיבן טעג פון "שבע ברכות" ביי אַ חתונה. דעריבער נעמען אידן אויף דעם אויבערשטען ערב פסח, און אין ערשטן טאָג פסח, מיט אַ סאַך מצוות, וואָס מ'איז מקיים מיט אַ פרייליך האַרץ. דאָס פירט דערצו, אַז דער אויבערשטער איז נישט מדקדק אויף די מעשים פון די אידן, צוליב זיין גרויסע ליבשאַפט פאַר זיי. די מקטריגים קוקן אָבער נאָך די "תכשיטים" פון די "כלה" - דאָס זענען די אידן, ווי עס שטייט אין זוהר הקדוש (ח"ג צו:) "כנסת ישראל כלה קרואה". זיי זענען מקטרג אַז עס פעלן חלילה זכותים, "תכשיטים" פאַר די "כלה". פון דעם ווערט אַ בחינה פון "חול המועד", "שיש ירידה בחול המועד", וואָס אין חול המועד איז אַ בחינה פון אַ "ירידה" (לגבי יום טוב), אָבער פונדעסטוועגן, צו דער באַשטימטער צייט, דאַרף דער חתן זיך פרייען מיט די כלה, און אַוועקקוקן פונעם קיטרוג. דעריבער איז דער זיבעטער טאָג פסח אַ יום טוב.

**זאָגט** דער רבי ר' מענדעלע, אַז אויף דעם זאָגט דער פסוק (שמות יב, טז) "וביום השביעי מקרא קודש", אַז שביעי של פסח, קענען אידן זיך אויסבעטן וואָס זיי דאַרפן האָבן, און דער אויבערשטער ערפילט זייער רצון, ווייל אַזוי איז איינגעפירט אין דער וועלט, אַז ביי אַ חתונה פאָדערן די געסט אַלעם וואָס עס גליסט זיי, און מ'גיט זיי נאָך זייערע פאַרלאַנגען. אַזוי קען מען שביעי של פסח זיך אויסבעטן וואָס מ'דאַרף האָבן: "בריאות הגוף, וחיים טובים וארוכים, ופרנסה בהרחבה, הכל כאשר לכל, כל צרכיהם - לא יבצר דבר". געזונט, לאַנגע גוטע יאָרן, פרנסה בריווח. אַלע באַדערפעניש קען מען זיך אויסבעטן אין דעם הייליגן יום טוב פון שביעי של פסח, ע"כ.

**ביום השביעי מקרא קודש - די קדושה און הייליגקייט פון דעם טאָג**

**עס** שטייט אין ספה"ק "בית אהרן" (דף צג:), אַז די זעקס טעג פון יום טוב פסח זענען אַ הכנה צום זיבעטן טאָג, ווייל דער עיקר איז שביעי של פסח, ווייל דעמאָלס איז די שלימות, ווען די אידן האָבן געזאָגט שירה[סט].

**דער** פסוק זאָגט (שמות יב, טז) "ביום הראשון מקרא קודש, וביום השביעי מקרא קודש יהיה לכם". דאַרף מען פאַרשטיין, פאַרוואָס איז דער זיבעטער טאָג פסח באַשטימט געוואָרן אַלס אַ יום טוב ווען מ'טאָר נישט טוהן אַ מלאכה? דער טאָג האָט דאָך נישט אַ באַזונדערע מעלה מער ווי די אַנדערע טעג פונעם יום טוב, ווייל ווען דער אויבערשטער האָט געזאָגט "וביום השביעי מקרא קודש", זענען דאָך די אידן נאָך געווען אין מצרים, און דער ים איז נאָך נישט געשפּאָלטן געוואָרן?

---

**סט.** די גמרא זאָגט (ר"ה טז:) "חייב אדם לטהר את עצמו ברגל". מ'איז מחויב זיך צו רייניגן אין יום טוב. דאָס איז ספעציעל גילטיג שביעי של פסח, ווי הרה"ק רבי פנחס'ל קאָריצער זי"ע האָט געשריבן אין זיין צוואה פאַר זיינע קינדער, אַז פאַר שביעי של פסח, זאָלן זיי מער מקפיד זיין זיך צו טובל'ען אין אַ מקווה טהרה, ווייל עס איז אַ גרויסער און פאַרכטיגער טאָג.

דער טעם דערפון איז, צוליב אַ מעשה שהיה: שביעי של פסח אין לעצטן יאָר פונעם בעל שם טוב הקדוש זי"ע אויף דער וועלט, איז הרה"ק רבי פנחס'ל קאָריצער זי"ע געפאָרן קיין מעזיבוזש צום בעל שם טוב. עס זענען איהם אונטערגעקומען פאַרשידענע עיכובים אויפ'ן וועג, אַזוי אַז ער איז אָנגעקומען קיין מעזיבוזש קורץ פאַר זמן פון ערב יום טוב שביעי של פסח, און עס איז איהם נישט אויסגעקומען זיך צו טובל'ען אין אַ מקוה טהרה פאַר יום טוב.

ווען רבי פנחס'ל האָט געגעבן שלום פאַר'ן בעל שם טוב, האָט דער בעל שם טוב איהם געפרעגט אויב ער האָט זיך גע'טובל'ט אין מקוה ערב יום טוב. האָט רבי פנחס'ל געענטפערט, אַז ניין. האָט דער בעל שם טוב אַרויסגעלאָזט אַ שטאַרקן קרעכץ, וואָס רבי פנחס'ל קאָריצער האָט בעת מעשה, נישט פאַרשטאַנען דעם באַדייט פונעם קרעכץ. ער האָט אָבער נישט געוואַגט צו פרעגן דעם בעל שם טוב פאַרוואָס ער האָט אַזוי געקרעכצט.

וויניגער ווי צוויי חדשים שפּעטער, ווען דער בעל שם טוב הקדוש איז נסתלק געוואָרן לחיי העולם הבא אין יום טוב שבועות שנת תק"כ, האָט רבי פנחס'ל קאָריצער פאַרשטאַנען, אַז דער דעמאָלס'דיגער קרעכץ פון בעל שם טוב הקדוש שביעי של פסח, האָט אַ קשר און אַ שייכות מיט די הסתלקות, און וועגן דעם האָט הרה"ק רבי פנחס'ל אָנגעזאָגט פאַר זיינע קינדער, זיי זאָלן שטענדיג מקפיד זיין זיך צו טובל'ען לכבוד דעם יום טוב שביעי של פסח.

קען מען זאָגן, אַז דער עצם טאָג איז שוין פון פריער געווען צוגעגרייט אַלס אַ טאָג פון ישועות פאַר אידישע קינדער, און צוליב דעם איז עס באַשטימט געוואָרן אַלס אַ יום טוב ווען מ'טאָר נישט טוהן אַ מלאכה.

**אַזוי** שטייט אויך אין ספה"ק "קדושת לוי" (פ' בשלח) אויפ'ן פסוק (שמות יד, ל) "ויושע ה' ביום ההוא", אַז עס זענען דאָ טעג ווען דער אויבערשטער איז משפיע גוטע השפעות פאַר אידן, און ער ווייזט אַרויס זיין ליבשאַפט פאַר זיי. דער טאָג וואָס איז אַממערסטן מסוגל פאַר דעם איז פסח, און אויף דעם זאָגט דער פסוק "ביום ההוא", דייקא, עכל"ק.

**אין** דער סדר-נאַכט, זענען מיר זוכה מקיים צו זיין אַ סאַך מצוות, ווי סיפור יציאת מצרים, אכילת מצה און מרור, הלל, און ארבע כוסות. אָבער ביי דעם יום טוב פון שביעי של פסח געפינען מיר נישט אַ באזונדערע מצוה.

**זאָגט** אויף דעם הרה"ק בעל "חידושי הרי"ם" זי"ע, אַז דער פסוק האָט צוגעגליכן דעם יום טוב שביעי של פסח צו לעתיד לבוא, וואָס וועגן לעתיד, זאָגט די גמרא (נדה סא:) מצוות בטילות לעתיד לבוא. לעתיד לבוא, וועט נישט זיין דער ענין פון קיום המצוות. וויבאַל דער טאָג פון שביעי של פסח איז אין דער זעלבער הויכער מדריגה ווי לעתיד לבוא, זענען נישט געגעבן געוואָרן באַזונדערע מצוות מקיים צו זיין אין דעם טאָג.

**מ'קען** דס פארשטיין ווייל, עס איז באַקאַנט, אַז ווען דער מענטש איז מקיים אַ מצוה בפועל, איז ער זוכה משיג צו זיין די אורות און מדריגות אין הימל ווען ער טוט די מצוה, אָבער שביעי של פסח, זענען אידן אין אַזאַ הויכע מדריגה, אַז זיי דאַרפן אינגאַנצן נישט טוהן אַ גשמיות'דיגע פעולה, דורך וועלכע משיג צו זיין די לעכטיגקייט, אַזוי ווי לעתיד לבוא.

**דער** אויבערשטער זאָל העלפן, מיר זאָלן זוכה זיין צו פראַווען דעם יום טוב פסח אַלס "זמן חרותינו", חרות ברוחניות ובגשמיות, מתוך בריות גופא ונהורא מעליא, און מיר זאָלן זוכה זיין עולה רגל צו זיין מיט אַלע אידן, און אונזערע תפילות זאָלן נתקבל ווערן מתוך רחמים וחסדים והשפעות טובות, אמן.




שפירט א אמת'ע ליכטיגקייט
אינעם ליל הסדר
מיט דעם נייעם הגדה של פסח
"באר החיים" - אידיש
צוזאם געשטעלט פון די שיעורים פון
הגה"צ ר' אלימלך בידרמן שליט"א


בס"ד
יעצט ערשינען!
חדש לקראת
חג הפסח תשפ"ג
פון דעם שפרודלדיגן קוואל
פון המשפיע הגה"צ
רבי אלימלך
בידערמאן שליט"א
געשריבן אין א לייכטן פליסיגן
אידיש
הגדה של פסח
באר החיים
אידיש
אן אמת'ע ליכטיגקייט אין די ליל הסדר
צו באקומען אין אלע ספרים געשעפטן
הפצה ראשית
עמודי שש
הוצאה לאור
נר למאור
מכון
באר האמונה
swivelny.com | 718.614.0795